STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04553

FUN EYBIGEN KVAL

Samuel Menahem Fine

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Edwin & Judith Brown
in honor of
their children & grandchildren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון איבּיגען קוואַל

ערקלעהרונגען אויף פיעלע פרשיות
פון דער תורה

ערשטער טהייל

שמואל מנחם הלוי פיין

רב בעיר דעטראָיט, מישיגען

ומלפנים רב בעיר אפשא, פלך קאָוונע, ובעיר
הפלך וולאדימיר, ובעיר מאָסקווא, ובעיר
טווער, במדינת רוסיא.

תרצ"ג

Salz & Gellman Publishing Co.
1714 Chestnut Street
St. Louis, Mo.

אסור הסגת גבול ידוע

אזהרה לכל יהין שום איש להדפיס ספר זה
בלי רשות המחבר.

Copyright 1933, by Rabbi Samuel M. Fine

האדריסה להמחבר:

RABBI SAMUEL M. FINE
656 Hague Street
Detroit, Mich.

THE ETERNAL FOUNTAIN

THOUGHTS IN JUDAISM AND COMMENTARS
TO MANY PORTIONS OF THE
HOLY TORAH

VOLUME I

— BY —

RABBI SAMUEL M. FINE
OF DETROIT, MICHIGAN

1933

ציון לנפש חיה

געווידמעט צום אָנדענקען פון מיין ליבע טייערע מוטער, האשה הצנועה, החשובה והכבודה, שהיתה מהוללה בכשרון מעשיה, ונועם מדותיה, סמל אמותינו

מרת **מ י ט א ד ב ו ר ה** הכמ׳

בת ר׳ ישראל איסר ז״ל

שהלכה לעולמה ביום י״א כסלו, תרצ״ג.

שלום לעפרה, וזכרה ברוך, מאת בנה המתאבל עליה בלב כואב ובעינים זולגות דמעות

פאָררעדע.

דער מחבר הרב הג' וכו' ר' שמואל מנחם הלוי פיין פון דעטראיט מיש., וועלכער האָט זיך באַריהמט געמאַכט מיט זיינע פריהערדיגע ספרים אויף דעם געביעט פון דרוש און הלכה, באַזיצט דעם געניאַלען כח אַרויס צו ברייגגען די טיעפסטע רעיונות אין פשוט'ע־קלאָהרע ווערטער.

"דברה תורה בלשון נקיה" — אין דעם ליגט דער סוד פון איהר איידעלקייט און פרישקייט. נישט פאַרשטעלט און נישט מליצה'דיג, נישט בעהאַלטען און נישט פערדעקט, נור קלאָהר, דייטליך און בולט'דיג. פון "בראשית" ביז "לעיני כל ישראל" ציהט זיך דער זעלבער פאָדים — דער פאָדים פון פשטותדיגקייט און נאַטירליכקייט.

"לא בשמים היא... ולא מעבר לים היא... כי קרוב אליך הדבר מאד, בפיך ובלבבך לעשותו". הויכע אידעאַלען קענען זיך נישט אַנקלעפּען ווען מען דריקט זיי אויס מיט הימלישע פאַנטאַזיעס, קלינגענדיגע פראַזען, אָדער טיעפע מליצות. ווען מען פּאָפּולאַריזירט זיי מיט פשוט'ע־נאַטירליכע ווערטער; ווען "קרוב אליך הדבר", דעמאָלט איז — בפיך ובלבבך לעשותו".

הרב פיין, איינער פון די רבנים מובהקים אין לאַנד, איז באַגאַבט מיט אַ פּאָפּולערע הסברה. די שווערסטע רעיונות באַקליידעט ער מיט די לייכטסטע מלבושים. אויב די אַמאָהליגע דורות האָבען זיך געגוטיגט אין אַ "קצור שולחן ערוך" פעהלט עס אין היינטיגען דור אוודאי. דער אַרויס געזאָגטער וואָרט אין דעם מאָדערנעם "אורח חיים" מוז זיין שטאַרק, קרעפטיג, אָבער אויך ק ו ר ץ.

אין ד ע ם חבור פונקט ווי אין זיינע אַנדערע חבורים געפינט מען ניט קיין סתם־דרשות, נור גאַנץ־געזונטע רעיונות וואָס פאַרדינען פאַרטראַכטונג. זיי נעהמען אַרום אַלע צווייגען פון רעליגיעזען־נאַציאָנאַלען אידישען לעבען. עס ווערט דאָרט אָפּגעשפּיגעלט נישט די פאַרגאַנגענהייט אַליין, נור אויך די געגענוואַרט, דער "היום לעשותם". אַלע שאָטענס און ליכט, פגימות און שלמות, מעלות און חסרונות פון דער איצטיגער תקופה ווערען פון דעם מחבר באַריהרט. מאַנכעס מאָהל דרינגט ער אַריין אין די חדרי־חדרים פון דער אָנגעווּעהטאָגטער נשמה און ברייגגט אויך אַ תרופה צו די גייסטיגע וואונדען.

דאָס איז אַ מאָדערנער דרוש־ספר אָנגעפיקעוועט מיט מאָדערנע פּראָבלעמען, אָבער אַלעם — על טהרת הקדש. דער תורה גייסט שוועבט דורך און דורך. "שמירת התורה", "טהרת החיים", "אהבת הכלל", "הזדככות

פ אָ ר ר ע ד ע

המחשבה" זיינען די הויפט שטריכען וואָס בלישטשען ארוים כמעט פון יעדען דרוש. און ועל כולם — די פשטות'דיגקייט, קלאָהרקייט און קורצקייט.

אזעלכע ספרים וועט זיי ווערען ברייטער פארשפרייט, העלפען צו פאר־טיעפען די גייסטרייכע אידישע קולטורעלע ירושה וואָס ענטהאלט אין זיך אזוי פיעל פּאָעטישע שעהנקייט. עס דינט אויך אלס א קוואל פון דערמוטיגונג פאר דעם מחבר צו מאכען זיין שווערען וועג לייכטער און גרינגער.

א. ל. געלמאַן.

כ"ב טבת, תרצ"ג.

צום לעזער!

הספר! — דער בוך.

דער בוך איז א לעהרער. דער בוך איז א מדריך, דער בוך איז א וועג־ווייזער. דער בוך ווארצעלט איין אינ'ם לעזער אלעם וואס ער לייענט — צום גוטען, אדער, ח"ו צום שלעכטען.

און וויל די ווירקונג פון בוך איז אזוי גרויס, דעריבער איז אזוי שטריינגט אנגעזאגט געווארען אז מ'זאל ניט לייענען קיין ספרים חצונים, וואס ס'מיינט ספרי מינים און ספרי אפיקורסים, און אלערליי אנדערע ספרים, וועלכע זיינען געגען דעם גייסט פון דער תורה. אויף אזוי פיעל איז עס שטריינג — אז דער תלמוד טראגט ארויס אזא שטרענגען אורטייל, ווי: הקורא בספרים החצונים, אין לו חלק לעולם הבא. (סנהדרין דף צ').

און זאגאר ווען לימוד לשון הקודש איז א מצוה (רמב"ם בפי' למסכת אבות פ"ב), דאך האבען פיעלע גרויסע תורה ריעזען און דער רמב"ם צווישען זיי — געשריבען זייערע ספרים אויף'ן געביעט פון חכמה און מאראל, אין דער לאנד־שפראך, וואו זיי האבען זיך געפינען, כדי אלע זאלען עס קענען לייענען און פארשטעהן און זיך לערנען מדות און מוסר פון די דאזיגע ספרים.

אויך דא אין אמעריקא, זיינען יידער פאראן זעהר ווענינ פון אונזערע אידען וואס זאלען זיך קענען גריבלען, לייענען, פארשטעהן לשון הקודש. די מעהר שפרעכענדע און פארשטענדליכע שפראך איז א י ד י ש. סיי די טעגליכע פרעסע או סיי די וועכענטליכע צייטונגען ווי אויך זשורנאלען פאר ליטעראטור, זיינען אין אידיש. דארום אום צו ברענגען די געווינשטע רעזולטאטען פון ספר, אז דיברייטע מאסען זאלען אויך האבען א צוטריט צום געשריבענעםווארט, מוז דער ספר געשריבען אדער איבערגעזעצט ווערען אין דער אומגאנגס־שפראך, וואו די מאסן האט א צוטריט.

פון דיזען שטאנדפונקט, האב איך געפונען פאר נויטיג איבערזעצען מיינע ספרים (וועלכע זיי האבען ב"ה **אויסגענומען ביי דער רבני'שער** און משכיל'שער וועלט, אין דער אידישער שפראך, און זאל עס זיין א ספר פאר אלעמען. א דבר השוה לכל נפש.

און ווען זאגאר עס איז זעהר שווער פאר א מענשען, וועלכער האט זיך געהארעוועט און איז ערצויגען געווארען אויף תנ"ך, תלמוד און פוסקים, און די העברעאישע ליטעראטור, ארויסגעבען ספרים אין דער אידישער שפראך, אבער דאך מוז מען זיך רעכענען מיט דער צייט, מיט דער לאנד, און ווען און וואו מ'לעבט און מ'געפינט זיך. און ווען די לעזער וועלען קאנען געניסען פון מיינע ספרים, און עפעס ארויסלערנען פון זיי, — והיה זה שכרי.

המחבר.

אינהאַלט פערצייכעניס

בראשית:
די געטליכקייט און די וועלט באַשאַפונג.

נח:
די לעהרע פון נח'ן.

לך לך:
אברהם אבינו און דאָס פאָטער־לאנד.

וירא א':
אברהם אבינו דער גרויסער בעל מכניס אורח.

וירא ב':
געווידמעט צום דעטראָיטער הכנסת־אורחים, 77-81 עלדזשער סטריט.

חיי שרה א':
געווידמעט צו דער לײדיעס סאָסייטע לחם עניים אין דעטראָיט.

חיי שרה ב':
גלויבען אין גאָט איז דער גרעסטער גליק פאר דעם מענשען.

תולדות:
די פאַרשיעדענע באַציהונגען פון פעלקער צו די אידען.

ויצא:
ווען איז א מענש דער קעניג אויף דער נאַטור.

וישלח א':
אידישע צופאַסונג צו שלעכטע און צו גוטע צייטען.

וישלח ב':
די גרויסע עדעלע נשמה פון יעקב אבינו.

וישב:
דער נסיון פון רייכקייט און ער־ציהען קינדער.

מקץ:
וואָס דער מענש טראַכט בייטאָג, חלומ'ט עס זיך איהם ביינאַכט.

ויגש:
די מסירות נפש פון די עלטערען ווירקט אויף די קינדער.

ויחי:
געווידמעט צום יאָנג איזראעל אין אַמעריקא.

שמות א':
זעהן מיט די אייגענע אויגען די אומגליקליכע און נויטבאדערפטיגע.

שמות ב':
פרעה'ס אומוויסענהייט פון יוסף'ס ביאָגראפיע, האָט געבראַכט זיינע גזרות אויף אידען.

וארא:
משה איז ניט געווען קיין גרויסער רעדנער.

בא:
פרייהייט פאר אלע קלאסען מענשען.

בשלח:
פאר אידען עקזיסטירט ניט די גע־זעצען פון דער נאַטור.

יתרו:
די וועלט האָט גע'שטורמ'ט ווען גאָט האָט געגעבען די תורה צו אידען.

משפטים א':
די נויטוועגדיגקייט צו גרינדען ועדי העיר אין אלע שטעדט פון אַמעריקא.

משפטים ב':
געווידמעט צו דערטראָיט'ער לײדיס סאָסייעטי גמלות חסד.

תרומה:
גערעכטיגקייט און וואָלטעטיגקייט.

תצוה:
די תורה דארף זיין דאָס ערשטע ביים מענשען.

כי תשא
פון געבען צדקה ווערט מען רייכער.

ויקהל:
שבת און די וויכטיגקייט פון אר־ביוט.

פקודי:
די תורה היט דעם מענשען פון אלע שלעכטס און געפאַרען.

מנשים באהל תבורך:
געווידמעט די קאַלאַנער הילף לייד־דיעס סאָסייעטי אין שיקאגא.

די מאָסקווער גרויסע שוהל:
אַ בלעטעל געשיכטע פון דער פאר־גאנגענהייט.

בראשית.

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ.

פאַראַן א מדרש, ילקוט שמעוני, כי תשא, וועלכער דערצעהלט, אז אַדרינוס, דער רוימישער קיסר, האָט געפרעגט רבי יהושע בן חנניה: דיינקסטו אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט? האָט איהם רבי יהושע געענטפערט: און וואָס דען? קען דען זיין, אז די וועלט איז הפקר, אָהן אַ פיהרער?

אויפ'ן ערשטען קוק קומט אוים, אז דער ענטפער, וואָס רבי יהושע האָט געגעבען דעם קיסר, איז גאָר קיין ענטפער ניט. ווייל אָט טאַקע די פראַגע, וואָס ער פרעגט איהם צוריק — קען דען די וועלט זיין אָהן אַ פיהרער — אָט דאָס איז דאָך געווען דער עיקר פראגע פון דעם קיסר — פיליכט איז טאַקע, חלילה, די וועלט אָהן א פיהרער? טאָ וואָס פאר אַן ענטפער האָט ער עס איהם געגעבען מיט זיין קאָנטער־פראגע?

אָבער אום צו פאַרשטעהן רבי יהושע'ס ענטפער וועלען מיר זיך מוזען ווענדען צו אַן אנדער זאַך און זיך אביסעל אריינטראכטען אין איהר, דאַן וועט אונז קלאָהר ווערען דער ריכטיגער זינען פון דעם ענטפער.

פאַראַנען אין דער וועלט אַלגעמיינע וויסענשאַפטען און די געט־ליכע וויסענשאפט, דאָס הייסט — די וויסענשאפט וועגען די געטליכע מעשים. ביי די אַלגעמיינע וויסענשאפטען שפיעלט די וויכטיגסטע ראָלע דער פארשטאַנד, דאָס הייסט — דאָס אַריינטראַכטען זיך אין די איינצעלהייטען פון דער געגעבענער וויסענשאַפט, אויסגעפינען די וועגען און די פּרינציפען, אויף וועלכע אָט די וויסענשאפט איז באַגרינ־דעט און געבויעט, און דאַן מאַכען די נויטיגע אויספיהרונגען, וועלכע פיהרען צו דעם ציעל, וואָס מיר שטעלען זיך ביי דער פאַרשונג פון אָט דער וויסענשאפט. ביי דער פאָרשונג אָבער פון דער געטליכע וויסענ־

שאַפט קענען מיר זיך ניט באַנוצען בלויז מיט'ן פאַרשטאַנד אַליין, ווייל דער מענשליכער געדאַנק קען אינגאַנצען די געטליכקייט ניט תופס זיין. דער איינציגער וועג, דורך וועלכען מיר קענען יאָ קומען צו דער דערקענונג פון דער געטליכקייט, איז דער וועג פון רעאַלע מעשים. דאָס הייסט, אַז זעהענדיג די מעשים פון גאָט, קענען מיר קו־מען צו דער דערקענונג פון דער געטליכער קראַפט, ווי עס ווערט אויס־געדריקט אין שיר היחוד: "לא ראינוהו ולא ידענוהו, אך ממעשיו הכרנוהו". נישט מיר קענען זעהן גאָט און נישט מיר קענען איהם פאַרשטעהן, נאָר דורך זיינע מעשים קומען מיר צו זיין דערקענונג.

און יעצט קומען מיר צו צו אַ צווייטער זאַך.

אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, ביי וועלכע די הויפט ראָלע שפּיעלט דער שכל, דער פאַרשטאַנד, קענען דערגרייכט ווערען דורך דעם, וואָס מיר ווילען אָנהויבען ביי זייער א' און ענדיגען ביי דער ת'. דאָס הייסט, ווען מיר ווילען אָנהויבען פון די ערשטע שטופען פון דער וויסענשאַפט, נאָכגעהן טריט ביי טריט אַלע איהרע ענטוויקלונגען, ביז מיר ווילען צוקומען צו די לעצטע שטופען, אין וועלכע זי געפינט זיך יעצט. ביי דער פאָרשונג אָבער פון דער געטליכער וויסענשאַפט, וועל־כע מיר קענען דערגרייכען בלויז אויפ'ן סמך פון די מעשים, וואָס מיר זעהען פאַר די אויגען, איז דער סדר פונקט אַ פאַרקעהרטער — דורך די קאָנקרעטע פאַקטען, וואָס מיר האָבען יעצט פאַר אונזערע אויגען, דורך די רעזולטאַטען, הייסט עס, קענען מיר זיך דערקלייבען צו דער ערש־טער אורזאַך. עס הייסט, אַז דורך דער פאַרטיגער וועלט, וואָס מיר זעהען פאַר די אויגען, קומען מיר צום באַשלוס, אַז עס איז אָהן צוויי־פעל פאַראַן אַ קראַפט, וואָס האָט אָט די דאָזיגע וועלט געבראַכט צו עק־זיסטענץ, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט. ווי מיר האָבען דאָ פריהער געבראַכט דעם אויסדרוק: "לא ראינוהו ולא ידענוהו, אך ממעשיו הכרנוהו". ניט מיר קענען זעהן גאָט און ניט מיר קענען איהם פאַרשטעהן, נאָר דורך זיינע מעשים דערקענען מיר איהם.

און אום צו פאַרשטעהן נאָך קלאָהרער פאַרוואָס מיר קענען ניט צוקומען צו דער דערקענטניש פון גאָט מיט'ן הוילען שכל, מיט'ן בלוי־זען פאַרשטאַנד, פונקט ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, ווילען מיר דאָ

ברייינגען וואָס דער רמב"ם זאָגט אין זיין ספר "מורה נבוכים" צוויי־טען חלק, פרק י"ז.

און אָט דאָס זענען זיינע ווערטער מיט קליינע ענדערונגען:

לאָמיר זיך פארשטעלען — אַ קינד איז געבוירען געוואָרען, און באַלד איז זיין מוטער אָפּגעשטאָרבען, און זיין פאָטער האָט איהם אויפ־געצויגען ווייט פון אַ מענשליכען ישוב, ערגעץ אויף אַ וויסט אינזעל, וואו דאָס אונטערגעוואקסענע קינד זעהט ניט פאר זיינע אויגען קיין פרוי, ווי אויך ניט קיין נקבה פון קיינע אַנדערע מינים באַשעפעניש. אין אַ געוויסער צייט האָט זיך דאָס קינד געווענדעט צום פאָטער מיט דער פראַגע ווי אזוי ארום קומט א מענש אויף דער וועלט און אויף וואָס פאַר אַ וועג ווערט ער פאָרמירט ביז ער קומט צו דער פאָרם, אין וועל־כער מיר זעהען איהם? אויף דעם האָט איהם דער פאָטער געענטפערט, אַז יעדער מענש פאָרמירט זיך אין אַ בויך פון אַ מענשען, וועלכער קוקט אויס, לויט'ן געבוי פון זיין קערפּער, עטוואָס אַנדערש, ווי ער מיט איהם קוקען אויס. דערביי פּרובט ער איהם געבען א מעהר־וויי־ניגער גענוי בילד פון דער פרוי און דעם געבוי פון איהר קערפּער. און ווייטער דערצעהלט ער איהם, אַז זייענדיג אינ'ם בויך פון אָט דעם סאָרט מענש, וועלכען ער רופט איהם אָן מיט'ן נאָמען "נקבה", אָדער גאָר "מוטער", איז דער צוקונפטיגער מענש שוין אַ לעבעדיג נפש, באַוועגט זיך דאָרט אין בויך און וואקסט, ביז ער קומט צו אַ געוויסער מאָס, און דאַן עפענט זיך פאַר איהם אינ'ם אונטערשטען טייל פון אָט דער "מוטער"-ס בויך אַן אַרויסגאַנג און ער קומט דאַן ארויס אויף דער ליכטיגער וועלט.

עס פארשטעהט זיך, אַז דאָס קינד וועט זאָגען, אַז דאָס גאַנצע בילד, וואָס דער פאָטער האָט פאַר איהם געמאָהלען וועגען דעם מענ־שענס פאָרמירען זיך אין בויך און זיין קומען אויף דער וועלט, איז ניט מעגליך, און וועט איהם דאַביי ברייינגען באַווייזע אויף אָפּלייקענען עס.

ערשטענס, וועט ער איהם פרעגען, ווי קען עס אַ לעבעדיג באַ־שעפעניש לעבען חדשים-לאַנג אין אַ פאַרמאכט פלאַץ, וואו ער קען ניט פריי אָטהעמען, אין דער צייט וואָס מיר ווייסען, אַז בלויז עטליכע מי־נוטען אָהן אָטהעם זענען גענוג צו טויטען יעדען באַשעפעניש, אפילו

דאָס גרעסטע. צווייטענס, ווי קען עס אַ לעבעדיג באַשעפעניש אויס־קומען אָהן עסען און טרינקען, אין דער צייט וואָס פון בלויז עטלאַכע טעג הונגער קען אפילו אַ דערוואַקסענער מענש שטאַרבען. דריטענס, אויב אפילו מיר וועלען זאָגען, אַז אַ טייל פון דער שפּייז, וואָס די "מו־טער" פאַרברויכט, קומט אויך אָן דעם קליינעם נפש אין בויך, טאָ ווי קען ער עס אויסקומען אָהן אַרויסברענגען צוריק די פאַרברויכטע שפּייז, וועלכע איז אַ נאַטירליכע באַדערפעניש צוגלייך מיט'ן עסען? און ווי קען עס אַ לעבעדיג באַשעפעניש איינליגען חדשים־לאַנג אויף איין אָרט ניט ריהרענדיג מיט אן אבר, און נאָכהער אַרויסקומען מיט געזונטע, ניט פאַרקריפּעלטע, גלידער? און נאָך און נאָך אַזעלכע און עהנליכע פראַגען וועט ער איהם שטעלען, ווייל לויט זיין פּרימיטיווען פאַרשטאַנד קען ניט געמאָהלט זיין, אַז דער מענש ווערט טאַקע פאָרמירט און גע־בוירען ווי דער פאָטער האָט איהם ערקלעהרט.

דאָס זעלביגע, זאָגט דער רמב"ם, קומט פאָר אין דער פראַגע וועגען דעם באַשאַף פון דער וועלט. מיר, אידען, גלויבען, אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען דורך גאָט און לויט דעם אופן, ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין תורת משה. פאַראַן פילאָזאָפען וועלכע לייקע־נען אין דעם און ברייינגען באַווייזען אויף זייערע טעאָריעס פון דעם, וואָס יעצט, ווען דער גאַנצער וועלט־באַשאַף איז שוין לאַנג פאַרענדיגט, קומען ניט פאָר אַזעלכע פראָצעסען, ווי יענע, וואָס ווערען צוגעשריבען דורך דער אידישער תורה צו דער צייט וואָס די וועלט האָט ערשט גע־האַלטען אין פאָרמירען זיך דורך דער געטליכער קראַפט, פּונקט ווי יענער קינד האָט ניט געוואָלט גלויבען אין דעם פּראָצעס פון דעם איינ־צעלנעם מענשענס פאָרמירען זיך בלויז דערפאַר, וואָס ביי שוין אויסגע־וואַקסענע מענשען באַמערקט ער ניט אַזעלכע פראָצעסען.

דער לאָגישער אויספיהר פונ'ם רמב"ם'ם ווערטער איז, אַז דער מענש, וואָס זיינע באַגריפען זענען בלויז נאַטירליכע, קען ניט תופס זיין קיין זאַך, וואָס איז העכער פון דער נאַטור. אָדער אין אַנדערע ווער־טער — דער מענש וואָס איז באַגרעניצט ביז צו אַ געוויסער מאָס און באַשטימט צו אַ געוויסען צוועק, קען ניט פאַרשטעהן, און קען אפילו ניט טראַכטען וועגען דער געטליכקייט־קראַפט און מעשים, וועלכע זע־

נען אהן א גרעניץ, לויט די מענשליכע באגריפען. און ממילא האָ־בען אלע באווייזען, וואָס דער מענש קען ברייגנען פון דער ארומיגער נאַטור קיין שום ווערט אין דער באצוג צו דער געטליכקייט, וועלכע איז איבער דער צייט און איבער דער נאַטור.

אַדריאַנוס, דער רוימישער קיסר, וועלכער איז פאַררעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע טיראַנען, וואָס די וועלט האָט פאַרמאָגט, וואָס האָט זיך געבאָדען אין אידיש בלוט אין בוכשטעבליכען זינען פון וואָרט, האָט, ווייזט אוים, אויף דער עלטער זיך געשראָקען פאַר א באַ־צאָהלונג פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. און וועלענדיג זיך אביסעל באַ־רוהיגען האָט ער געזאָגט, אז ניטאָ גאָר קיין גאָט אויף דער וועלט, און ער האָט זיך דארום ניט וואָס צו שרעקען פאַר זיין באַצאָהלונג. און אָט דערפאַר דערצעהלט דער מדרש, אז ער האָט געזאָגט צו רבי יהושע׳ן: דיינקסטו דען, אז עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט? דאָס הייסט: אַזוי ווי מיט׳ן פשוט׳ן מענשליכען פאַרשטאַנד קען מען דאָך די געטליכ־קייט ניט באַגרייפען, טאָ פיליכט וואָלט טאַקע געווען א סברה צו זאָ־גען, אז עס איז אינגאַנצען קיין גאָט אויף דער וועלט נישטאָ?

רבי יהושע אָבער, וועלכער האָט קלאָהר פאַרשטאַנען צו וואָס דער טיראַנישער קיסר ציעלט, האָט איהם געענטפערט: קען דען א וועלט זיין הפקר, אָהן א פיהרער? דאָס הייסט ניט וועלענדיג זיך אריינלאָ־זען מיט דיר אין קיינע חקירות וועגען דער געטליכקייט, וועלכע איז (סיי ווי) ניט באַגרייפבאַר פאַר דעם מענשליכען פאַרשטאַנד, קען איך דיר בלויז זאָגען איין זאַך, אז די עקזיסטענץ אליין פון דער וועלט איז שוין מחייב דעם אויספיהר, אז עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, וועלכער האָט זי באַשאַפען און פיהרט זי לויט זיין ווילען. ווייל פונקט ווי א ראָד, למשל, קען זיך ניט דרעהען אָהן אַן אויסערליכער קראַפט, וועלכע באַוועגט זי, אזוי קען די וועלט ניט זיין אָהן א פיהרער. און מיט דעם ענטפער האָט איהם שוין רבי יהושע ממילא געגעבען אָנצו־הערען אז זיין טרייסט איז אַן אומזיסטע, און אז דאָס פאַרגאָסענע אי־דישע בלוט וועט איהם ניט פאַרשוויגען ווערען.

נח.

נח איש צדיק, תמים היה בדורותיו.

מיר לעבען יעצט אין אַ צייט, וואָס די מעהרהייט פונ׳ם יונגען דור גלויבט כמעט אין גאָרניט; אין אַ צייט, וואָס אויך אַ סך פונ׳ם עלטערען דור מאַכען אוועק פון אַלעמען, וואָס איז ביז אַהער געווען פאַררעכענט פאַר הייליג; אין אַ צייט, וואָס די מעהרהייט טראַכט נאָר וועגען קערפערליכע פאַרגעניגען, און די גאַנצע ענערגיע ווערט אוועקגעגעבען בלויז אויף אריינכאַפּען וואָס מעהר עולם הזה.

די לופט, די גייסטיגע לופט, איז אויף אַזוי פיעל פאַרדאָרבען, אויף אַזוי פיעל פאַרגיפטעט, אַז עס שטיקט ממש, ביז צום דערוואָרגען ווערען. און דאָך דאַרף דער אמת עהרליכער און אָרענטליכער מענש נישט פאַרצווייפלען, ער דאַרף זיך פאַר קיין פאַל ניט אָבשטעלען, נאָר ווייטער געהן בדרך הישר, אין דעם אַלטען אידישען אויסגעטראָטענעם וועג, און זיך פאר גאָרנישט ניט אָפּשרעקען. אָט אַזוי ווי מיר געפינען עס ביי נח הצדיק. כאָטש נח האָט געלעבט אין אַ צייט, וואָס די הייליגע תורה אַליין זאָגט עדות אויף איהר שלעכטיגקייט און פאַרדאַרבענקייט, ווי דער פסוק זאָגט: "ותשחת הארץ לפני האלקים" און "כי מלאה הארץ חמס", דאָס הייסט, אַז אַלעס איז געווען פאַרדאָרבען, פול מיט רויבעריי, פונדעסטוועגען איז זיך נח געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, דעם וועג פון דעם איש צדיק תמים.

לך לך.

לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ
אשר אראך.

די תורה הקדושה דערצעהלט אונז, אז גאָט האָט געהייסען אברהם אבינו ער זאָל פארלאָזען זיין לאַנד, זיין געבורטספלאַץ, און זיין פאַמיליע, און זאָל געהן אין אַ לאַנד, וואָס ער וועט איהם ערשט ווייזען.

ווער ווייסט עס נישט ווי טיעף איינגעבאַקען איז אינ'ם הארצען פון יעדען מענשען זיין געבורטספלאַץ! ניט נאָר איז ער גרייט צומאָלם זיין לעבען אוועקצוגעבען פאַר זיין געבורטספלאַץ, ווען עפּעס אַ געפאַהר שטעהט פאָר, און ער וויל עס ניט פארלאָזען, נאָר אויך ווען ער איז ווייט פון דאָרטען און וואוינט גאָר אין אַ פרעמד לאַנד, ציהט עס איהם אַהין ווי מיט אַ פאַרבאָרגענער מאַגנעטישער קראַפט. שטענדיג שטעהען איהם פאַר די אויגען זיינע אַמאָהליגע איבערלעבינישען דאָרט און רופען איהם צוריק אַהין, דאָרט וואו זיין וויגעלע איז געשטאַנען, דאָרט וואו זיין ערשטע יוגענט האָט זיך פריי ענטוויקעלט.

און גרויס איז דארום דער נסיון (פּרוב) פאַר דעם מענשען, ווען עס קומט איהם אוים פארלאָזען זיין געבורטספלאַץ; און נאָך גרעסער ווערט דער נסיון, ווען דער וואַנדערער האָט פאַר זיך ניט קיין באַשטימטען ציעל, קיין באַשטימטען פּלאַן, וואוהין ער זאָל זיך קעהרען, ווען ער ווייסט אפילו ניט וואוהין זיינע אויגען טראָגען איהם דאן איז זיין טראַגעדיע ווירקליך אַ פיעלפאַכע.

אָט אַזאַ טאָפּעלטען נסיון האָט עס אברהם אבינו באַדאַרפט אויסשטעהען. פארלאָזען זיין באַליעבט געבורטספלאַץ און זיין עלטערענס הויז, ניט וויסענדיג אפילו וואוהין די געטליכע השגחה וועט איהם ברייננגען. און דאָך האָט ער ניט פיעל געקלעהרט און איז געגאַנגען. דער בטחון אין גאָט איז ביי איהם געוועזען אזוי שטאַרק, אז אויך דאָס צוגעבונדענקייט און די ליבע צום געבורטספלאַץ איז איהם ניט געשטאַנען אין וועג פון ערפילען גאָטס געבאָט.

וירא.

די מעשים פון סדום און די הנהגה פון אברהם אבינו.

ווי מיר ווייסען הייגגט אָפּ דאָס גליק פון יעדער איינצעלנעם מענשען, ווי אויך פון גאַנצע פעלקער, פון דעם — צי זיי פיהרען זיך אויף אין זייער לעבען לויט די פרינציפען פון יושר אין באַצוג צו אַנדערע. בלויז דער יחיד, אָדער פאָלק, וואָס האַלט זיך ביי דעם כלל פון "ואהבת לרעך כמוך", ליבען דעם צווייטען פונקט ווי זיך זעלבסט, און "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", וואָס דו וואָלסט ניט וועלען יענער זאָל דיר טאָן, זאָלסטו אויך יענעם ניט טאָן, בלויז דער קען ערוואַרטען אַ רוהיג און אַ גליקליך לעבען. דער אָבער וואָס וויל באַזי־רען זיין גליק בלויז אויף קראַפט, אָדער אויף שווינדעל, דער וועט גיך אויסגעפינען, אַז ער האָט זיך אַליין גענאַרט, ווייל אויב אפילו עס גליקט איהם אָפּ די ערשטע צייט, דעם יחיד, אָדער דאָס פאָלק, איינ־צושאַפען זיך עפּעס וואָס, מיט דער הילף פון דער ברוטאַלער קראַפט, איז זעהר זעלטען, אַז שפּעטער זאָל ניט אויפשטעהן אַן אַנדער קראַפט, אַ שטאַרקערער פון זיינער, און ניט ארויסרייסען דעם פעטען ביסען פון זיין מויל צוזאַמען שוין מיט די צייהן.

אַלס באַווייזע דערצו קענען אונז דיענען די גרויסע אמאָהליגע וועלט־מלוכות, ווי: אשור, בבל, פרס, יון, רוים, און פון דער לעצטער צייט — די גרויסע מלוכה פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, וועלכע זענען אַלע איינגעפאַלען ווי איינפאַכע קאָרטען־שטיבלאַך איינע נאָך דער אַנ־דערער, בלויז דערפאַר, וואָס זייער פונדאַמענט איז געווען אויסשליס־ליך די ברוטאַלע קראַפט פון דעם געפּאַנצערטען פויסט, בלויז אונטער־דריקונג און רויב. דער פויסט האָט זיך אין די אַלע פאַלען ארויסגעווי־זען אַלס אַ ניט־גענוגענדע גאַראַנטיע איינצוהאַלטען דאָס אַנגעראַבע־וועטע. ווייל צו שטאַרקייט איז בכלל קיין גרעניץ ניטאָ. דער שטאַר־קער פון היינט קען זיך ארויסווייזען אַלס דער שוואַכסטער מאָרגען, ווייל אַן אַנדערער, אַ פיעל שטאַרקערער, האָט איהם געמאַכט אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

און זעהר טרעפליך האָט דער אַלטער וואָלאָזשינער גאון הנצי"ב ז"ל, פאַרטייטשט דעם פסוק אין משלי: "משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו" מיט אזא משל. לאָמיר זאָגען, אַז ראובן איז אַ שונא שמעון'ן, ווייל יענער האָט איהם אַמאָהל עפּעס שלעכטס געטהאָן, און נאָכהער האָט זיך געמאכט אזוי, אַז ראובן האָט געקענט זיך נוקם זיין אָן שמעון'ן. ווען ראובן וואָלט טאַקע אויסגענוצט דעם מאָמענט און שמעון'ן אָפּגעטאָן שלעכטס, וואָלט די שנאה צווישען אָט די צוויי מענשען דורך דעם נאָך ניט אָפּגעלאָשען געוואָרען, ווייל ביי דער ערשטער געלעגענהייט וואָלט שמעון צוריק זיך נוקם געווען אָן ראובן'ן, און נאָכהער ראובן נאָכאמאָהל אָן שמעון'ן, און אזוי אַלע מאָהל דאָס זעלבע. ווען ראובן וואָלט אָבער נ י ט געזוכט קיין נקמה אין שמעון'ן פאר זיין ערשטען שלעכטען טהאָט נאָר וואָלט איהם מוחל געווען און געזוכט איהם גאָר טאָן טובות, דאַן וואָלטען ווירקליך די צוויי מענשען געוואָרען צווישען זיך די בעסטע פריינד, און קיין שנאה וואָלט צווישען זיי מעהר ניט געווען. אָט דאָס זאָגט עס שלמה המלך: "משיב רעה תחת טובה", ווען איינער צאָהלט אָפּ דעם צווייטען מיט שלעכטס אָנשטאָט וואָס ער וואָלט איהם בעסער געקענט טאָן אַ טובה, איז — "לא תמוש רעה מביתו", וועט דורך דעם קיין שנאה און מחלוקת ניט פעהלען אין זיין הויז, ווייל בלויז דורך גוטע מעשים קען מען זיך איינשאַפען גוטע פריינד, און ניט דורך שלעכטע.

און אויף אַזאַ דרך וואָלטען מיר אויך געטייטשט דעם מאמר אין דער משנה: "יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך". אויב דו ווילסט, אַז דיין הויז זאָל קענען זיין ברייט צועפענט און זאָלסט ניט דאַרפען איבערטראַכטען טאָמער וועט עמיצער קומען דיר שלעכטס טאָהן, זאָלסטו זעהן, אַז די אָרימע און די אונטערדריקטע זאָלען ביי דיר זיין בני-בית, דאָס הייסט — זיי זאָלען זיך פיהלען היימיש ביי דיר, זאָלען געניסען פון דיין גאַסטפריינדשאַפט און פון דיין גוטסקייט, צוגלייך מיט דיינע אייגענע. ווייל אויב ניט — קענסטו קיינמאָהל ניט זיין זיכער מיט דיין פאַרמעגען, און צומאָהל אויך מיט דיין לעבען.

און דאָס זעלבע וואָס ווערט געזאָגט וועגען אָן איינצעלנעם מענשען קען אויך אָנגעווענדעט ווערען צו אַ גאַנץ לאַנד. אויב די אַנפיה-

רער פון א לאנד ווילען אנהאלטען פרידען אין זייער מדינה, קענען קו־קען יעדען פריי אין די אויגען אריין, און ניט דארפען איבערטראכטען פאר קיין מרידות אין לאנד, זאלען זיי זעהען, אז אלע איינוואוינער פון לאנד זאלען געניסען צוגלייך די זעלבע רעכט, עס זאלען ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אויב אבער זיי פרובען זיך בא־רויבען א געווויסען טהייל פון די איינוואוינער פון זייערע רעכט און שא־פען דורך דעם אומצופרידענהייט אין לאנד, איז ניט נאר זייער אייגע־נע ממשלה אין געפאהר פון צוזאמענברעכען, נאר די גאנצע צוקונפט פון לאנד שטעהט אונטער א גרויסען פראגע־צייכען.

ווי מיר ווייסען פון דער תורה און פון מדרש איז דער פארוואל־טונגס־סיסטעם אין סדום ניט געווען באגרינדעט אויף יושר און גלייכ־הייט פאר אלעמען. ביי זיי האט געהאט דאס רעכט אויף לעבען און אויף א לעבען מאכען בלויז דער אייגענער, דער היימישער איינוואוי־נער. ווען עס איז אבער געקומען צום פרעמדען, צום אימיגראנט, זענען פאר איהם גאר קיין געזעצען ניט געווען געשריבען. קיינע רעכט האבען פאר איהם ניט עקזיסטירט, אפילו ניט די רעכטע אויף פריי צו אטהעמען. זעלבסטפארשטענדליך, אז א לאנד מיט אזא סארט ארדנונג האט געמוזט אונטערגעהן. ווייל א חוץ דעם וואס דאס איז געווען געגען די געטליכע געזעצען, די געזעצען פון: "תורה אחת ומשפט אחד לגר ולאזרח הארץ", די אייגענע רעכט פאר דעם פרעמדען ווי פאר דעם אייגענעם, איז גלאט נישט מעגליך קיין פרידען און קיין גליק אין א לאנד, וואו א טהייל פון דער באפעלקערונג ווערט געקריוו־דעט און איז שטענדיג אומצופרידען. אומצופרידענהייט פון דער בא־פעלקערונג, אפילו פון א קליינעם טהייל, מוז ברייגנען צו מרידות און איבערקעהרענישען.

אברהם אבינו אבער, וואס האט זיך געפיהרט לויט די געזעצען פון דער הייליגער תורה, כאטש זי איז נאך צו יענער צייט ניט געהאט געגעבען געווארען עפענטליך פון הימעל, ער האט מיט זיין אויפפיה־רונג געוויזען אלעמען ווי אן ארענטליכער מענש דארף זיך פיהרען. אברהם אבינו האט געוויזען מיט זיין אויפנעמען די אורחים, וואס זענען צו איהם געקומען, אז דער פרעמדער, דער אורח, דארף ניט באהאנ־

דעלט ווערען ווי אַ שטיף־קינד, ווי די איינוואוינער פון סדום האָבען עס פּראַקטיצירט, נאָר, אדרבא! דוקא דערפאר וואָס ער איז אַ פרעמדער דאַרף מען איהם שיינקען מעהר אויפמערקזאמקייט, מעהר זיך אָפּגעבען מיט איהם, מאַכען איהם פיהלען, אַז ער איז ניט קיין איבעריגער, נאָר אַן אַנגעלעגטער גאַסט, בכדי ער זאָל אַוועקטראָגען מיט זיך די בעסטע פיהלונגען און בלייבען אַן אייביגער פריינד, און זאָל אויך ווילען נאָכ־טאָן די זעלבע גוטע מעשים אין באַצוג צו אַנדערע, וואָס דאָס וועט ממילא פאַרקלענערען שנאה און מחלוקת צווישען מענש און מענש און פאָלק און פאָלק, און אַנשטאָט דעם איינפלאַנצען פריינדשאפט צווי־שען זיי.

און דער מדרש דערצעהלט אונז טאַקע, אַז יעדער אורח, וואָס האָט כאָטש איינמאָהל גענאָסען פון אברהם אבינו'ס גאַסטפריינדליכ־קייט, פלעגט שוין אַוועקטראָגען מיט זיך דאָס וויסען פון גאָט'ס נאָמען און די גוטע וועגען פון זיין תורה, וואָס אברהם האָט מיט איהם איינ־געקנעלט.

וירא.

וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו.

(געווידמעט צום דעטראַיטער
הכנסת אורחים)

איינע פון די שעהנסטע און נאָבעלע טעהטיגקייט, וואָס עק־זיסטירט ביי אידען נאָך איידער זיי זיינען געוואָרען אַ פאָלק דורך קבלת התורה, איז די מצוה פון "הכנסת אורחים", און זאָגאר אין די־זער צייט ווערט אַ מענש געלויבט מיט דעם. מיר הערען מעהרערע מאָהל, דער אָדער יענער איז דאָך א גרויסער "מכנים אורח". די מצוה פון הכנסת אורחים איז אזוי גרויס, אז די גמרא דריקט אויס, "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה" (שבת קכ"ז). און פון די צעהן גרויסע זאכען וואָס די משנה רעכענט אונז אויס, "שאוכל מפירותיהם בעולם הזה, והקרן קימת לעולם הבא", איז הכנסת אורחים.

אברהם אבינו איז באריהמט געווען מיט זיין הכנסת אורחים. "ויטע אשל ויקרא בשם ד'" (וירא כ"א). ערקלעהרט די גמרא אין סוטה, אז די ראשי תיבות פון "אשל" לויטן: א'כילה, ש'תיה, ל'ויה. דאָס הייסט, ער האָט געגעבען די אורחים עסען, טרינקען און האָט זיי נאָכהער באגלייט. אויף אזוי פיעל איז אברהם אבינו געווען איבערגעגעבען צו דער מצוה פון הכנסת אורחים, אז זאָגאר ער איז געווען קראנק און אַלט, איז ער געזעסען אין טיהר פון זיין הויז און האָט געווארט אויף אורחים. און גאָט האָט געמאַכט זעהר היים "הוציא חמה מנרתיקה", אום אורחים זאָלען ניט וואנדערען, בכדי נישט צו מטריח זיין אברהם'ן.

די סדומים זיינען געסטעמפּעלט געוואָרען לחרפה ולדראון עולם, נור ווייל זיי האָבען פארמאַכט זייערע טויערען און האָבען ניט אריין געלאָזען קיין אורחים, אָהן א שום ריעזען. און ווייל דאָס אידישע פאָלק איז שטענדיג א וואנדערער מגוי אל גוי, וממדינה למדינה. ער איז אימער געגרייט צו עמיגרירען דורך דעם אָנגריף פון זייערע פארפאָלגער, און

וואו איז ער ניט פארפאָלגט געוואָרען? איבעראל! מעהרער אָדער וועני-גער, מאַטעריאליש אָדער מאָראליש. אַלזאָ ווייס דער אידישער פאָלק מעהר ווי אירגענד אנדער פאָלק אָפּצושאַצען די מצוה פון הכנסת אורחים, און ער שאַצט עס טאַקי אָפּ. אין דער אַלטער היים האָט יעדע שטאָט און שטעטעל געהאַט אן הכנסת אורחים, און שבת פרשה וירא איז גע-ווען דער שבת פון הכנסת אורחים, צום אנדענק פון אברהם אבינו, און אויסער דעם אלגעמיינעם הכנסת אורחים האָט יעדער געפיהלט זיין חוב נעהמען צו זיך אן אורח אויף שבת, אָדער אויף א מאָהלצייט אין מיטען דער וואָך.

אין די גרויסע שטעדט וועלכע, נאָך די אומשטענדען פון לע-בענס-שטייגער האָט מען ניט געקענט אויספיהרען פינקטליך די מצוה פון הכנסת אורחים, ביי זיך אין הויז, האָט מען איינגעאָרדענט דעם אורח זיין עסען און רוה אין אַ ספּעציעלען הכנסת אורחים.

אויך אונזער שטאָט דעטרויט האָט אויף דעם געביט פון הכנסת אורחים פאַרדינט אַ גרויסען יישר כח, און די נעמען פון די אָפּיסערס זאָלען פאַרשריבען ווערען לשם ולתפארת אין דער אידישער געשיכטע פון דעטרויט.

באַזוכענדיג דעם הכנסת אורחים אויף 77 אַלדזשער, ווי פאַר-וואונדערט בין איך געוואָרען פון די שעהנקייט און זויבערקייט, איך האָב געפיהלט אז איך געפין זיך אין איינעם פון די שעהנע האָטעלען וועלכע לאָזען זיך גוט באַצאָהלען, אין אַלע רומס געפינען זיך שעהנע מעבעל, און קלאָהרע ווייסע בעטצייג. יעדער אורח ווערט באַזאָרגט מאָרגענס און אָווענט מיט פריהשטיק און אָווענט-ברויט, אויף דעם שעהנסטען הארציגסטען אופן.

איך וויל דאַריבער ציהען די אויפמערקזאמקייט פון גאנצען אי-דישען פובליקום אין דעטרויט אויף די וויכטיגקייט פון דעם נאָבעלען אינסטיטושאָן. דיזער אַנשטאַלט איז זעהר נויטיג אין שטאָדט און יעדער זאָל עס האָבען אין זינען, און דאן וועט עס קענען אויפגעהאַל-טען ווערען בכבוד, ווי עס פּאַסט פאר אַזאַ חשוב'ע קהלה ווי אונזער שטאָדט איז.

חיי שרה.

(אויף די ווערטער ״שני חיי שרה״ ברייננגט רש״י הכל
שוין לטובה. אינטערעסאַנט צו פאַרשטעהן וואָס רש״י
מיינט דערמיט.)

יעדער מענש לעבט איבער אינ׳ם משך פון זיין ביסעל יאָהרען פאַרשידענע צייטען, גוטע און, חס וחלילה, שלעכטע. פאַראַנען מענשען, וואָס קענען ניט איבערטראָגען שטילערהייט די שלעכטע צייטען זייערע. שטענדיג וועט איהר זיי הערען רק זיך קלאָגען אויף דעם ביטערען מזל און האָבען טענות צו זייער גורל. און ווען די שלעכטע לאַגע פאַרציהט זיך ביי זיי עטוואָס לענגער, דאַן פאַרלירען זיי זיך אינגאַנצען און פאַלען שוין גאָר אַוועק אונטער דער לאַסט פון זייערע צרות. דאַגעגען זענען פאַראַנען אַזוינע מענשען, וואָס די יסורים שטאַרקען זיי גאָר און גיבען זיי פרישע קרעפטען. ווי געניטע שווימער בויגען זיי אָן זייערע קעפּ קעגען יעדען שטראם פון צרות, וואָס קומט זיי אַנטקעגען, און פאַרלירען ניט זייער האָפנונג אויף בעסערע צייטען, ביז דאָס שלעכטע געהט טאַקע פאַראיבער און זיי לעבען ווידער אויף מיט פרישער ענערגיע.

דאָס אלעס היינגט אָפּ פון דעם ווי דער מענש קוקט אויף דער פיהרונג פון דער וועלט. אויב דער מענש גלויבט אויפריכטיג, אז די השגחה פון גאָט איז חל אויף יעדען אינדיווידועל, און אַז פון גאָט קומט שטענדיג אַרויס נאָר גוטס, דאַן נעמט ער אַלעס אָן באהבה און זאָגט בלויז: ״גאָט און זיין משפט איז גערעכט״. אויף אַזאַ סאָרט גלויביגען מענשען זאָגט אונז דער נביא, אז ווען אפילו זיין אָנהויב איז מינדערוויכטיג וועט זיין ענדע זיין אַ גוטע. אויב אָבער דער מענש צווייפעלט חס ושלום אין דער געטליכער השגחה, און אלעס וואָס טרעפט מיט איהם היינגט ער אָן אין צופעליגקייטען, פאַרפיהרען איהם דאַן זיינע געדאַנקען אויף גאָר קרומע וועגען. און דארום טאַקע געפינען מיר ביי אונזער גרויסען תנא רבי עקיבא, אז אויף אַלעס וואָס האָט מיט איהם פאַ-

סירט האָט ער געזאָגט: ״אַלעס וואָס גאָט טהוט איז בלויז צום גוטען״. און אויך נחום איש גם זו פלעגט אויף אַלעס זאָגען: ״גם זו לטובה״.

דער צווייפעל אין דער געטליכער פיהרונג פון דער וועלט ביי מאַנכע מענשען נעמט זיך אייגענטליך דערפון, וואָס זיי זעהען אָפט מאָהל ווי די אָרענטליכע מענשען ליידען און די שלעכטע באַגליקען, וואָס דער מענשליכער פשוט׳ער פאַרשטאַנד קען עס ניט באַגרייפען. ווען מיר קלעהרען זיך אָבער אַריין טיעפער אין דער זאַך ווערט עס אינגאַנצען פאַרענטפערט און פאַרשטענדליך.

און אַרום אָט דעם פונקט האָט זיך אויך געדרעהט דער ויכוח צווישען דעם אַמאָהליגען גריכישען קעניג און דעם אינגסטען זוהן פון מרים בת נחתום, וועגען וועלכען דער מדרש דערצעהלט אונז. דער קע־ניג האָט נעמליך געפרעגט דעם קינד צי איז פאַראַנען אַ גאָט אויף דער וועלט. אויף דעם האָט איהם דער קליינינקער געענטפערט: און ווי דען? קען דען די וועלט זיין אַ הפקר זאַך, אָהן אַ פיהרער? און ווען דער קעניג איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע פראַגען און געפרעגט דעם קליינינקען — אויב אייער גאָט האָט ווירקליך אָט די אַלע גוטע מעלות, וואָס דו זאָגסט, טאָ פאַר־וואָס ראַטעוועט ער אייך ניט אָפּ פון מיין האַנט? האָט איהם דאָן דאָס אינגעלע געגעבען אַ גאַנץ ברייטען ענטפער, ווי עס ווערט דאָרט געבראַכט אין מדרש, און האָט פאַר־ענדיגט מיט די ווערטער: אַ ם ע נ ד ע וועט דיר גאָט דאָך אָפּ־צאָהלען פאַר אונזער ריין־פאַרגאָסענעם בלוט. אָט מיט די ווערטער ״אַם ענדע״ האָט דאָס קינד געגעבען דעם קעניג צו פאַרשטעהן, אַז די זאַך איז גאַנץ אַנדערש ווי ער דיינקט. דער קעניג האָט נעמליך גע־מאַכט זיין אויספיהר, אַז קיין גאָט איז נישטאָ אויף דער וועלט, פון דעם פאַקט, וואָס שלעכטע מענשען באַגליקען אַמאָהל און ווערען נישט באַשטראָפט פאַר זייערע שלעכטע מעשים. און דאָס קינד האָט איהם געענטפערט, אַז ביי גאָט איז אַנדערש ווי ביי מענשען. אַ מענש, וועל־כער לעבט ניט אייביג, און ווייסט אויך ניט ווען זיין סוף קען אויספאַ־לען, מוז זיך צוויילען מיט אָפּנעמען נקמה פון זיין שונא. ווייל ווער ווייסט צו ער וועט נאָך ווען האָבען אַן אַנדער געלעגענהייט דאָס צו טאָהן. גאָט אָבער, וואָס לעבט אייביג, דאַרף זיך ניט איילען מיט באַ־

צאָהלען אַ שונא. ער קען איהם נאָכלאָזען פאַר אַ צייט, ווייל ער וועט פון איהם סיי ווי ניט אנטלויפען. אַ ם ע נ ד ע אָבער באַצאָהלט ער איהם.

און יעצט קענען מיר ערשט פארשטעהן די הייליגע ווערטער פון רש״י. ווי באוואוסט האָט אונזער מוטער שרה דורכגעמאכט גע־נוג צרות אין איהר לעבען. אַלע שווערע פרובען, וואָס אברהם אבינו האָט געהאט אויסצושטעהען, איז זי געווען צו זיי אַ גלייכער שותף. געוואַנדערט מיט איהר מאַן פון לאַנד צו לאַנר, געליטען אין וועג הונ־גער און קעלט און נאָך אַזעלכע שווערע זאַכען. און דאָס אַלעס האָט שרה איבערגעטראָגען אין דער שטיל, אַלעס אָנגענומען פאַר ליעב און גערעכט געמאכט דעם רבונו של עולם, ווייל זי האָט אויפריכטיג גע־גלויבט אין גאָט און אין זיין השגחה אויפ'ן מענשען, און אַז אַלעס וואָס גאָט טהוט איז צום גוטען. און אָט דאָס מיינט רש״י מיט די ווערטער ״הכל שוין לטובה״ אַלע צייטען איהרע, אפילו די שלעכטע, הייסט עס, האָט זי אָנגענומען פאַר גוט.

חיי שרה.

ב.

ויביאה יצחק האהלה שרה אמו.

(געווידמעט די נאָבעלע און פרוכטבארע
ארבייט פון דער ליידיעס סאָסייעטי "לחם
עניים" און דער קאָנגרעגיישאָן "אהבת
ציון", האלברוק סטריט, דעטרויט, מיש.)

די תורה דערצעהלט, אז ווען יצחק אבינו האָט התונה געהאָט מיט רבקה'ן האָט ער זי אַריינגעבראכט וואוינען אין זיין מוטער שרה'ס געצעלט.

רש"י הקדוש בריינגט אויף דעם, אַז די גאַנצע צייט, וואָס די מוטער שרה האָט געלעבט, פלעגט די ליכט אין איהר געצעלט ברענען פון איין ערב שבת צום צווייטען אָהן אויפהער, די ברכה איז שטענדיג געווען אין איהר טייג און אַ וואָלקען האָט באַדעקט איהר געצעלט. נאָך שרה'ס טויט האָבען אָט די אַלע זאַכען זיך געפעהלט. ווען אָבער די מוטער רבקה איז אָנגעקומען צו יצחק'ן האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט.

אמת, בלויז דריי זאַכען ווערען דאָ אויסגערעכענט, אָבער ווי־פיעל קענען מיר פון זיי אַרויסלערנען.

לויט מיר וויסען פון דער תורה און אַנדערע הייליגע ספרים איז אונזער מוטער שרה געווען איינע פון די שעהנסטע פרויען אין איהר צייט. ווי אויך רייך און פיעל געאַכטעט. דער מדרש דערצעהלט, למשל, אַז הגר, די טאָכטער פון פרעה, דער קעניג פון דער דאַמאָלסדי־גער מעכטיגער מצרים, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז זי וויל בעסער זיין אַ דינסט אין הויז פון שרה'ן איידער אַ פרינצעסין אין איהר פאָטערס הויז. אָבער נאָך דעם אַלעמען האָט שרה ניט שטאָלצירט, ניט מיט איהר שעהנקייט און ניט מיט איהר רייכקייט און כבוד. ווען איהר מאַן אברהם האָט זיך אַזוי היים אָפגעגעבען מיט דער מדה פון הכנסת אורחים, האָט זי ניט נאָר איהם ניט געשטערט אין דעם, כאָטש די גרעסטע לאַסט דערפון איז געפאַלען אויף איהר, אַלס די ווירטהין פון הויז, נאָר זי האָט איהם פיעל אַרויסגעהאָלפען אין דעם, די הייליגע

תורה זאָגט עדות אויף דעם. און אויך אין דער אַרבייט פון פאַרשפּריי־טען גאָט'ס וואָרט צווישען די דאַמאָלסדיגע געצענדיגער האָט שרה גע־נומען אַ טיכטיגען אַנטייל. ווי דער מדרש זאָגט: "אברהם מגיר את האנשים ושרה מגירת את הנשים". אברהם אבינו, הייסט עס, האָט איינגעלערענט גאָט'ס וואָרט מיט די מענער און די מוטער שרה מיט די פרויען.

און ניט קוקענדיג אויך אויף איהר רייכטום האָט שרה ניט גע־זוכט קיין מאַטעריעלען פאַרגעניגען פאַר זיך און דורך דעם צו פאַר־קוקען די נויטען פון די אָרימע און אומגליקליכע. און דאָס מיינט עס דער מדרש מיט די דריי זאַכען, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט:

א) פאַר שרה'ס לעבען האָט אַ וואָלקאָן אַרומגעהילט איהר גע־צעלט. דאָס הייסט, אַז אַלע מאַטעריעלע פאַרגעניגענס האָט זי לחלוטין ניט געוואָלט זעהן, זיי האָבען איהר ניט אינטערעסירט, ווייל בלויז די נויטען און ליידען פון די אָרימע און פאַראומגליקטע זיינען איהר גע־שטאַנען פאַר די אויגען.

ב) די ברכה פלעגט שטענדיג זיין אין איהר טייג. דאָס הייסט, אַז זי איז שטענדיג געווען צופרידען מיט דעם, וואָס גאָט האָט איהר גע־געבען, און דערפאַר האָט זי זיך געקענט אָפּגעבען מיט זאָרגען פאַר אַנ־דערע און זיי העלפען מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט.

ג) די ליכט אין איהר געצעלט פלעגט ברענען פון פרייטאָג צו פרייטאָג. דאָס מיינט, אַז צוליעב איהרע מעשים טובים, מיט וועלכע זי איז תמיד געווען פאַרנומען, איז זי שטענדיג געווען צופרידען, שטענ־דיג איז איהר געווען ליכטיג אויפ'ן הארצען, ווי דער שטייגער איז פון מענשען, וואָס ווייסען אַז זייער לעבען האָט אַ זינען, ווייל עס איז אויס־געפילט מיט זאָרגען פאַר די נויטבאַדערפטיגטע און מיט לינדערען זיי־ערע ליידען, אין אַלע אינזיכטען, קערפּערליך און גייסטליך.

צום באַדויערען נעמען ניט אַלע פרויען אין אונזער צייט די מו־טער שרה פאַר אַ ביישפּיעל, פאַר זייער אייגענער אויפיהרונג. פילע פון זיי פאַרברייננגען זייער צייט מיט ברידזש־פּאַרטיעס, בעלער און טענץ, און די נויטען פון אַנדערע אינטערעסירען זיי גאַנץ ווייניג. דערפאַר האָ־בען מיר אָבער אויך אַזוינע פרויען, כאָטש ניט אין קיין גרויסער צאָהל,

מיט וועלכע מיר קענען באמת שטאָלצירען, ווייל מיט זייער טיכטיגער אַרבייט אין די פאַרשיעדענע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען קענען זיי אָהן גוזמא פאַרגלייכט ווערען צו אונזער מוטער שרה, וועלכע דער מדרש ריהמט אזוי, אַז די דאָזיגע אידישע פרויען פאַרדינען עהרליך, אַז זייער נאָמען זאָל בלייבען געשעצט און געאַכטעט אין אונזער געשיכטע, ווי דער נאָמען פון דער מוטער שרה איז פאַרבליבען.

און מיט רעכט קענען מיר אָנרופען אַט די ליידיעס סאָסייעטי "לחם עניים" אין דעטרויט וועלכע האָט זיך געגרינדעט מיט 14 יאָהר צוריק אין דער שוהל אהבת אחים און פיהרט אָן איהרע הייליגע ארבייט אין דער שוהל אהבת ציון, אז זי האָט איבער גענומען די הייליגע אר-ביים פון אונזער מוטער שרה׳ן. ווארום דער גייסט פון אונזער מוטער שרה הערשט דאָ אויך. די ליידיעס סאָסייעטי "לחם עניים" האָט גע-שטעלט איהר צוועק, העלפען אָרימע נויטבאַדערפטיגטע אומגליקליכע פאַמיליעס, און ספּעשעל בעל-הבית׳ישע הייזער, וועלכע זיינען געוואָרען יורדים ל"ע. די ליידיעס סאָסייעטי באַזוכט די הייזער און העלפט זיי בדרך כבוד, מיט ברויט, קוילען, און מאַנכע אויך מיט רענט, און זאָלען אַלע דעטראָיטער אידען וויסען פון די נאָבעלע גוטע און שעהנע אַר-בייט פון דער אויבען דערמאָנטער סאָסייעטי, און זאָל די אַרבייט אָנ-גערקענט ווערען אויף אַזוי פיעל, אַז מען זאָל זיך שטענדיג אָפּרופען מיט ווארימקייט אויף די פאַרשידענע אַפּיעלס וואָס די סאָסייעטי "לחם לעניים" מאַכט פון צייט צו צייט.

תולדות.

ויאמר אליהם יצחק מדוע באתם אלי ואתם שנאתם אותי ותשלחוני מאתכם. ויאמרו: ראה ראינו כי היה ה' עמך, וכו'... וכאשר עשינו עמך רק טוב ונשלחך בשלום.

יצחק אבינו האט געפרעגט אבימלך דעם קעניג פון די פלשתים, מיט זיינע לייט: פארוואס זענט איהר יעצט געקומען צו מיר? איהר האט דאך מיך גאר פיינט געהאט און האט מיך ארויסגעשיקט פון אייער לאנד? אויף דעם האט איהם אבימלך געענטפערט: מיר האבען דאך דיר בלויז א טובה געטאהן, ווען מיר האבען דיר ארויסגעשיקט פון אונזער לאנד בשלום.

אויפ'ן ערשטען קוק זעהט אוים אבימלך'ס ענטפער אביסעל מאדנע. ווייל וואס פאר א טובה איז עס, ווען מען נעמט אן עמיגראנט, א פרעמדען אין לאנד, און מען שיקט איהם ארוים פון וואנען ער איז געקומען, אנשטאט איהם מקרב זיין און איהם געבען א מעגליכקייט זיך איינארדענען דארט? ווען מיר ווילען זיך אבער מעהר ארייננטראכטען אין דער זאך ווילען מיר אויסגעפינען, אז פראקטיש האט טאקע אבימלך געטאהן יצחק'ן א גרויסע טובה מיט דעם, וואס ער האט איהם ארויסגעשיקט פון זיין לאנד.

אונזער אידיש פאלק, וואס האט אין זיין לאנגען וואנדער-וועג געוואוינט אין פארשיעדענע לענדער, צווישען פארשיעדענע פעלקער און אונטער דער הערשאפט פון פארשיעדענע מלכים, ווייסט עס פון דער פראקטיק, אז ניט שטענדיג איז די בציהונג צו איהם מצד די קעניגען און מצד זייערע פעלקער געווען איינע און די זעלבע.

געווען פאלען, ווען דאס פאלק פון א וועלכען עס איז לאנד איז געווען גאנץ פריינדליך געשטימט צו די אידען, וואס האבען געוואוינט צווישען זיי, נאר דער קעניג מיט זיינע נאהענטע שררות זענען געווען אידישע שונאים און האבען בלויז געזוכט זיי צרות אנצוטאהן. עס פארשטעהט זיך, אז מיט דער צייט האט זיך דאס פאלק אויך אנגעשטעקט מיט דעם גיפט פון אידען-פיינדשאפט, ווייל אזוי איז שוין די

מענשליכע נאַטור, אַז דער קלענערער פלייסט זיך נאָכצוטאָהן דעם גרעסערען, אָבער דער עיקר שונאים די אידען זענען דאָרט געווען די קעניגען און ניט דאָס פאָלק.

געווען אָבער אויך אזוינע פאַלען, ווען דער קעניג פון לאַנד האָט זיך באַצויגען צו אידען טאָלעראַנט, און מאַנכעס מאָהל אפילו אויך גאַנץ פריינדליך, און ווען עס זאָל זיך געווען ווענדען בלויז אין איהם אַליין, וואָלט ער פאַר די אידען ניט געווען געמאַכט קיינע באַגרענצונגען אין זייערע רעכט און זיי באַהאַנדעלט ניט ערגער פון זיינע אייגענע בירגער, דערפאַר אָבער וואָס דאָס פאָלק איז געווען דורכגעדרונגען מיט שנאה צו אידען, האָט שוין אויך דער קעניג ניט שטענדיג געקענט ארויסווייזען אָפענטליך זיינע סימפאַטיעס צו זיי, און מאַנכעס מאָהל האָט ער אפילו געמוזט לפנים ארויסגעבען שלעכטע גזרות אויף אידען, אום ניט אויפצוברענגען געגען זיך דאָס פאָלק.

אָט אזעלכע צוויי פאַלען געפינען מיר אויך אין די גאָר אַלטע צייטען. אין די צייטען, וואָס ווערען באַשריבען אין אונזער הייליגער תורה.

ווען מיר ווילען זיך צוקוקען צו די באַציהונגען צו די אידען אין מצרים מצד דעם קעניג און מצד דעם פאָלק, ווילען מיר זעהן, אַז בלויז פרעה, דער קעניג, הייסט עס, איז געווען דער גרויסער אידען־פיינד. יעדער מאָהל וואָס אין דער תורה ווערט דערצעהלט וועגען עפּעס אַ רשעות בנוגע די אידען, ווערט נאָר דערמאָנט דער נאָמען פון פרעה׳ן, פונ׳ם קעניג. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פאָלק פון מצרים, איז קיין איין מאָהל אפילו אין דער תורה ניט דערמאָנט וועגען זיינע שלעכטע באַהאַנדלונגען, אדער באַציהונגען, צו די אידען. ווען עטוואָס אזוינס זאָל יאָ געווען זיין, וואָלט די תורה געוויס דאָס ניט געווען פאַרשוויגען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ווען פרעה האָט פאַראָרדענט דעם פאָלק וואַרפען די אידען קינדער אין וואַסער אַריין, אָדער ווען ער האָט זיי געשלעפּט מיט זיך נאָכצולויפען די אידען, האָבען זיי קיין ברירה ניט געהאַט און איהם געפאָלגט. אָבער אַז זיי זאָלען זיין די איניציאַטאָרס, די טאָנגעבערס, אין וועלכע עס ניט איז שלעכטע ארויסטרעטונגען געגען די אידען, דאָס געפינען מיר ניט ערגעץ אין דער תורה.

ווען מיר קומען אָבער צו דער געשיכטע פון יצחק אבינו און וואָס מיט איהם איז פארגעקומען אין לאַנד פלשתים, געפינען מיר פונקט דאָס פאַרקעהרטע. דאָרט פיגורירען בלויז די פלשתים, דאָס פאָלק, הייסט עס, אין אַלע רשעות'ן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרען געגען יצחק'ן, און ניט אבימלך, דער קעניג.

ווען יצחק אבינו האָט אַביסעל מצליח געווען, זייענדיג אין לאַנד פלשתים, און ער איז רייך געוואָרען, איז באַלד "ויקנאו אותו פלשתים". דאָס פאָלק האָט ניט פאַרגינען דעם פרעמדען. האָט יצחק שפּעטער אַביסעל זיך געוואָלט צופיהרען די הענט און געלאָזט אויסגראָבען איי- ניגע ברונימער פאַר זיינע שאָף, מסתמא ער זאָל ניט דאַרפען קויפען וואַסער ביי די איינגעזעסענע אין לאַנד און צאָהלען הויכען פרייזען, האָבען זיי צוויי מאָהל נאָכאַנאַנד ביי איהם די ברונימער קאָנפיסקירט, אָוועקגענומען, און בלויז ביי דעם דריטען מאָהל האָבען זיי איהם ערשט צורוה געלאָזט. און אויף ווי ווייט דער האָס צו יצחק'ן מצד די פלשתים האָט דערגרייכט קען אונז דינען דער פאַקט, וואָס אבימלך, דער קעניג, האָט געמוזט אין איין שעהנעם פריהמאָרגען אַרויסגעבען אַ שטריינגע פאַראָרדנונג: "הנוגע באיש הזה ובאשתו מות ימות". דאָס הייסט פשוט, אז יצחק'ס לעבען איז געווען אין געפאהר אויף אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך געפאָדערט אַרוים צוגעבען אַ טויט- שטראָף פאַר די יעניגע, וואָס וועלען וואַגען טשעפּען איהם.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס באַלאַנגט דעם פאָלק. דאַגעגען דעם קעניגס נאָמען ווערט קיין איין מאָהל ניט דערמאָנט בנוגע עטוואָס שלעכטס געגען יצחק'ן. ער האָט איהם, אדרבא, געשיצט געגען דעם אויפגערעגטען המון, ווי מיר האָבען עס ערשט דערמאָנט.

מיט דער צייט אָבער האָט אבימלך זיך אַרומגעזעהן, אַז עס איז אַ גאַנץ שווערע זאַך פאַר איהם איינצוהאַלטען דעם קנאה-געפיהל פון זיין פאָלק געגען דעם אויפגעקומענעם יצחק'ן, און אָט האָט ער איהם געשיקט רופען און איהם באַפוילען זיך איינפּאַקען און געהן פון זיין לאַנד. אַלס מאָטיוו פאַר דעם אַרויסשיקען האָט ער איהם אָנגעגעבען "כי עצמת ממנו מאד", ווייל דו ביסט רייך געוואָרען ביי אונז אין לאַנד.

יצחק אבינו האָט, ווייזט אויס, אָנגענומען אבימלך'ס פאַראָרד-

נונג אַלס אַ באַווייז, אַז אויך אבימלך איז שוין אָנגעשטעקט געוואָרען פון דעם קנאה־שנאה געפיהל, וואָס באַהערשט אזוי זיין פאָלק. און דערפאַר, ווען אבימלך איז נאָכהער געקומען צו איהם מיט זיין סוויטע אין אַ פריינדליכען וויזיט, האָט ער איהם גלייך געפרעגט — פאַרוואָס זענט איהר עס איצט צו מיר געקומען, און איהר האָט דאָך מיך פיינט געהאַט און מיך אַרויסגעשיקט פון אייער לאַנד? אבימלך אָבער, וועל־כער האָט באמת געמיינט יצחק'ס טובה מיט'ן אַרויסשיקען איהם, ווייל ער האָט איהם געוואָלט האַלטען וואָס ווייטער פון זיינע בירגער, וועל־כע האָבען איהם ניט געקענט פארצייהען דעם פאקט — וואָס ער איז ביי זיי אין לאַנד באַרייכט געוואָרען, האָט עס יעצט יצחק'ן אויפגע־קלעהרט מיט די ווערטער: "וכאשר עשינו עמך רק טוב ונשלחך בשלום". דאָס הייסט — יעצט מעג איך דיר שוין אויסזאָגען דעם סוד, אַז מיר זענען מיט'ן ארויסשיקען דיך אויסען געווען בלויז דיין טובה, ווייל מיר האָבען געוואָלט דו זאָלסט זיין וואָס ווייטער פון דיינע שונאים און זאָלסט קענען לעבען רוהיג.

און ווי עס ווייזט אויס האָט איהם יצחק אבינו געגלויבט, און דערפאַר דערצעהלט אונז די תורה ווייטער, אַז יצחק האָט געמאַכט פאַר אבימלך'ן מיט זיינע לייט אַ גרויסע סעודה און זיך מיט זיי גאַנץ פריינדליך צוזעגענט.

ויצא.

ויחלום והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו. והנה ה׳ נצב עליו וכו׳.

די תורה דערצעהלט אונז, אז יעקב אבינו האָט געזעהן אין חלום, ווי אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד און זיין שפיץ דערלאנגט ביז צום הימעל, און די מלאכים זענען געגאַנגען ארויף און אראָפּ דורך איהם. און ווייטער האָט ער געזעהן ווי גאָט שטעהט נעבען איהם.

פאַראַנען אויך אַן אגדה, וועלכע זאָגט, אז ווען אדם הראשון, דער ערשטער מענש, איז באַשאַפען געוואָרען, איז ער געווען הויך ווי פון דער ערד ביז׳ן הימעל, נאָר ווען ער האָט צוערשט געזינדיגט מיט׳ן עסען פונ׳ם עץ הדעת, האָט גאָט אויף איהם אַרויפגעלייגט די האַנט און איהם קלענער געמאכט. אַן אַנדער תנא זאָגט, אז אדם הראשון׳ס מאָס איז געווען ווי פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען, און נאָכ׳ן זינדיגען האָט איהם גאָט קלענער געמאכט דורך אַרויפלייגען אויף איהם די האַנט.

ווען מיר קוקען זיך צו צום מענשען אין אַלגעמיין, באַמערקען מיר אין איהם צוויי איינענשאַפטען, וועלכע זענען אזוי ענטקעגענגעזעצט איינער דעם צווייטען, ווי ממש פייער מיט וואַסער.

פון איין זייט זעהען מיר ווי דער מענש איז, פיזיש גענומען, דאָס שוואַכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. ער איז אונטערגעוואָרפען די פאַרשיעדענסטע שלאַפקייטען און געפאהרען מצד אַנדערע באַשעפענישען, ער איז באַדראָהט פון די נאַטור-קרעפטען, וועלכע לאַקערען אויף איהם אויף יעדען שריט און טריט, און זענען גרייט איהם צו פאַרניכטען. פון דער צווייטער זייט אָבער זעהען מיר ווי דער זעלבער מענש האָט, דורך זיין גייסטיגער קראַפט, באַהערשט פאַלשטענדיג די גאַנצע נאַטור, איינגעשפּאַנט אַלע איהרע קרעפטען לויט זיין פאַרלאַנג, און קערעוועט מיט זיי אזוי, אַז זיי זאָלען איהם ברייננען די געוואונשטע נוצען.

איז עס ניט א וואונדער?

דער אמת אבער איז, אז דער רבונו של עולם האט באשאפען דעם מענשען מיט דער אבזיכט ער זאל זיין דער קעניג פון אלע באשעפענישען אין אלע הינזיכטען. ניט נאר זאל ער מיט זיין גייסט אלעמען אריבערשטייגען און דורך דעם זיין דער פאקטישער הערשער אין דער אונטערשטער וועלט, נאר אפילו פיזיש איז דער מענש, לויט דעם געבוי פון זיין קערפער, באשטימט געווארען צו זיין דער אויסדערוועהלטער פון דעם גאנצען באשאף און ארויפווארפען זיין ווילען אויף אלעמען, אלע זאלען איהם אונטערטעניג זיין און טאהן זיין פארלאנג. און ניט נאר די באשעפענישען וואס געפינען זיך אויף דער ערד, נאר אפילו די העכערע קאטעגאריעס פון דעם באשאף. ווי מיר געפינען, למשל, אז משה רבנו האט אפגעשטעלט דעם הימעל מיט דער ערד זיי זאלען הערען זיינע רייד, יהושע האט אפגעשטעלט די זון מיט דער לבנה, ווען ער האט עס באדארפט, און יעקב אבינו האט באנוצט מלאכים אין זיין שליחות.

איין באדינג אבער האט דער רבונו של עולם געשטעלט דעם מענשען. אויב ער וויל, אז זיין אויבערהערשאפט איבער אלע אנדערע באשעפענישען, ווי עס איז באשטימט געווארען דורך זיין ליבען נאמען, זאל זיין א ווירקליכער פאקט, מוז ער זעהן, אז אויך די צווייטע זאך, וואס איז באשטימט געווארען דורך דער געטליכקייט, זאל פינקטליך אפגעהיט ווערען, און אט די צווייטע זאך איז, ווי אין קהלת שטעהט: "והאלקים עשה שייראו מלפניו". דאס הייסט: גאט האט באשאפען דעם מענשען מיט'ן צוועק ער זאל איהם דינען געטריי און מורא האבען פאר איהם. עס קומט אלזא אוים, אז נאר ווען דער מענש היט אפ פון זיין זייט וואס פאר איהם איז באשטימט געווארען, ווען ער דיענט, הייסט עס, גאט מיט'ן גאנצען הארצען און היט אפ אלע זיינע געבאטען, דאמאלס בלויז, קען ער ערווארטען, אז עס זאל פארווירקליכט ווערען אויך די צווייטע זאך, וואס איז דורך דער געטליכקייט באשטימט געווארען, אז אלע באשעפענישען און אלע נאטור-קרעפטען זאלען איהם זיין אונטערוואָרפען. טאמער אבער היט ער ניט אפ זיין טייל אין דעם געטליכען קאנטראקט, קען אויך דער אנדערער טייל

ניט פאַרווירקליכט ווערען, און פון דער מענשליכער איבערהאַנט אי־בער די אַנדערע באַשעפענישען און נאַטור־קרעפטען בלייבט דאַן גאָרנישט.

און אַט דאָס דערצעהלט אונז די תורה וועגען יעקב אבינו׳ס חלום. יעקב אבינו האָט געזעהן, אַז "סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", דאָס הייסט — אַז כאָטש דער מענש איז באַשאַפען גע־וואָרען פון ערד, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע באַשעפענישען, דערלאַנגט ער אָבער מיט זיין קאָפּ, מיט זיין איידעלען מח, מיט זיין גייסטיגקייט, ביז צום הימעל. דאָס הייסט, אַז זיין ממשלה דערלאַנגט אפילו צו די הימלען מיט די מלאכים, ווי מיר האָבען עס דאָ פריהער אָנגעמערקט. אָבער ווען קען דאָס אַלעס זיין? ווען "ה׳ נצב עליו", ווען גאָט געפינט זיך מיט׳ן מענשען, ווען ער פאַרגעסט ניט אין גאָט און געהט אין זיינע ריכטיגע וועגען.

און דאָס זעלבע דערצעהלען אונז אויך די צוויי תנאים אין מדרש, אַז אדם הראשון, דער ערשטער מענש, איז לכתחלה באַשאַפען געוואָרען גרויס פון דער ערד ביז׳ן הימעל און פון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען. דאָס הייסט, ער איז לכתחלה באַשטימט געוואָרען פון דער געטליכקייט צו זיין דער אויבער־האַר איבער אַלעס, וואָס איז פאַראַנען איבער דער גאָרער וועלט און אפילו אין די הימלען. אבער ווען דער מענש האָט געזינדיגט, האָט דער רבונו של עולם אויף איהם אַרויפגע־לעגט זיין האַנט און איהם קלענער געמאַכט. אַוועקגענומען ביי איהם, הייסט עס, די ממשלה איבער אַנדערע, ווייל ער האָט ז י י ן טייל אין דעם געטליכען קאָנטראַקט ניט אויסגעהאַלטען.

וישלח.

א.

הצילני נא מיד אחי, מיד עשו.

ווען יעקב אבינו האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט עשו'ן, האָט ער געבעטען דעם רבונו של עולם: ראַטעווע מיך פון דער האַנט פון מיין ברודער, פון דער האַנט פון עשו'ן. מיר ווילען דאָ פּרובען ערקלעהרען צו וואָס האָט עס יעקב אבינו באַדאַרפט זאָגען ביידע — מיין ברודער און עשו, און פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געקענט באַגנוגענען מיט איינעם פון די ביידע.

פאַראַנען מענשען אויף דער וועלט, וואָס האָבען אַ געפיהל פאַר מאַטעריעלע ווערטהען מעהר ווי פאַר גייסטיגע. זיי זענען, אַזוי צו זאָגען, נעהנטער צו דער ערד ווי צום הימעל. די ערדישע זאַכען אינטערעסירען זיי מעהר ווי די הימעלשע. און ווי נאָר זייער אייגענער מאַטעריעלער לעבען געהט זיי אַוועק גלאַט, אָהן קיינע אויפטרייסלונגען, זענען זיי רוהיג און צופרידען. די אינטערעסען פון זייערע מיטברידער, פון זייער פאָלק, און ווער שמועסט נאָך די גייסטיגע אינטערעסען זייערע, קימערען זיי גאָר אינגאַנצען ניט. ווייל ווייטער פון זייער אייגענעם שפּיץ-נאָז זענען אָט די דאָזיגע מענשען ניט מסוגל צו קוקען און צו פאַראינטערעסירען זיך.

דאַגעגען זענען פאַראַנען אַנדערע מענשען, וואָס זייער געפיהל פאַר גייסטיגע ווערטהען זענען ביי זיי ענטוויקעלט דוקא אין אַ גרעסערער און אין אַ שטאַרקערער מאָס ווי פאַר די מאַטעריעלע. זיי זענען, קען מען זאָגען, נעהנטער צום הימעל ווי צו דער ערד. די הימלישע זאַכען אינטערעסירען זיי מעהר ווי די ערדישע. אָט די דאָזיגע מענשען קענען ניט זיין צופרידען מיט דעם, וואָס זייער אייגענע מאַטעריעלע לאַגע איז צופרידענשטעלענד. זיי אינטערעסירט אַממייסטען די גייסטיגע זייט פון זייער אייגענעם לעבען, ווי אויך פון זייערע נאָהענטע, פון זייער פאָלק, זייער גאַנצע ענערגיע ווערט אַוועקגעגעבען אויף איינצופלאַנצען און ענטוויקלען געזונטע גייסטיגע ווערטהען ביי זייער פאָלק, און אויסהיטען איהם פון מאָראַלישע דורכפאַלען צו יעדער צייט.

ווי מיר ווייסען האָט דאָס אידישע פאָלק דורכגעמאכט פאר זיין לאַנגען גלות-לעבען פאַרשיעדענע צייטען. געווען צייטען, וואָס אין אייניגע לענדער זענען זיך די אידען אויסגעשטאַנען געברענטע צרות. ניט נאָר האָט מען דאָן די אידען ניט צוגעלאָזט צו קיין זיכערע פּרנסות און זיי ניט געלאָזט בכלל פריי אויפהויבען דעם קאָפּ, נאָר אויך זייער לעבען איז געווען הפקר, דורך קיינעם און מיט גאָרנישט ניט באַשיצט. פונדעסטוועגען זענען אידען אין אָט יענע לענדער און אין יענע צייטען ניט אונטערגעגאנגען חלילה אַלס אידען. נאָר פאַרקעהרט, וואָס מעהר זיי זענען פארפאָלגט און געפייניגט געוואָרען פון אויסען, מעהר האָבען זיי זיך קאָנצענטרירט אין זייער אינווייניגסטען גייסטיגען לעבען, און גע־לאָזט די בייזע כוואַליעס אַריבערגיסען זיך איבער זייערע קעפּ, ביז בעסערע צייטען וועלען קומען. אין זייער הייליגער תורה און אין די אידעאַלע מדות און מעשים טובים האָבען זיין געפונען א טרייסט צו אלע זייערע צרות, ביז די הילף פון גאָט איז געקומען, און זיי האָבען ווידער פרייער אָפּגעאָטעמט.

געווען אָבער אויך צייטען, ווען אין אייניגע לענדער האָט זיך אידען גאָר ניט שלעכט געלעבט. ניט נאָר זענען אידען דאָרט ניט פאַר־פאָלגט געוואָרען, נאָר זיי האָבען פריי גענאָסען פון אַלע פרייהייטען, צוגלייך מיט אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד, און האָבען דאָרט דער־גרייכט די העכסטע שטופע פון מאַטעריעלען וואוילזיין אין אַלע הינזיכ־טען. אָבער אין דער זעלבער מאָס, וואָס דער מאַטעריעלער צושטאַנד זייערער איז געגאַנגען א ר ו י ף - צו, איז דער גייסטיגער מצב גע־גאַנגען באַרג אראָפּ. פאַר פיעל וואוילטאָג האָבען אַ סך פּשוט זיך פאַרגעסען און פאַרנאַכלעסיגט זייערע פליכטען צו תורה און מעשים־טובים, צו גאָט און צו זייער פאָלק. ווי די תורה זאָגט: "וישמן ישורון ויבעט". עס איז זיי צו גוט אַוועק, האָבען זיי זיך צובריקעט. ווי מיר זעהען עס, צום באַדויערען, אויך אין אונזער לאַנד די לעצטע צייטען. אָט אין אַזאַ צייט ליגט אַ ספּעציעל שווערער חוב אויף די גייסטיגע פיהרער פונ'ם פאָלק צו שטעהן אויף דער וואַך, האַלטען די אויגען אָפען אויף דער לאַגע, וועקען דעם אידישען געפיהל, ניט לאָזען איהם איינ־דרימלען, און ראַטעווען די לאַגע וויפיעל נאָר מעגליך איז. עס איז

נויטיג אָנצואווייזען דעם אידישען עולם, אז דוקא אין די גוטע צייטען, ווען אידען לעבט זיך ניט שלעכט צווישען זייערע שכנים, ווען קיין רדיפות אויף אידען זענען ניט פאַראַנען, ווען עשו באַציהט זיך צו יעקב'ן ווי צו אַ געטרייען ברודער, דוקא דאַמאָלס פאָדערט זיך אַ באַזונדער אָנגעשטרייגנקייט ניט לאָזען זיך אַרויספיהרען פון די אייגענע גרעניצען, ניט לאָזען זיך פאַרבלענדען די אויגען דורך דעם גלאַנץ פון גאָלד און זילבער, פון דער גוטער מאַטעריעלער לאַגע, נאָר שטעהן פעלזען-פעסט פאַר אונזער הייליגער תורה און אַלע אידישע טראַדיציעס, וואָס מיר האָבען בירושה פון די פריהערדיגע דורות, פון אונזערע הייליגע עלטערען, וואָס האָבען זיך פאַר זיי מוסר נפש געווען.

עס פארשטעהט זיך, אז דער חוב, וואָס ליגט אויף אונז אַלס אידען, פאַרווערט אונז נישט צו נעמען אַ טיכטיגען איינטייל אין אַלע הויות העולם. אין אלע זאכען, וואָס האָבען א שייכות מיט'ן טעכנישען פראָגרעס און ציוויליזאַציע פון דער מענשהייט. די אלע טעכנישע ערפינדונגען פון די לעצטע פאָאָר הונדערט יאָהר, ווי: אייזענבאַהנען, דאַמף-שיפען, לופט-פליה מאַשינען, עלעקטריציטעט און אַלע פארשידענע מאַשינען פון דער לעצטער צייט, זענען אבסאָלוט ניט אין קיין געגענזאַץ צו אונזער תורה פון וועלכער ניט איז זייט, און אידען איז פאַר קיין פאַל ניט פאַרבאָטען צו אַרבייטען אויף די אַלע געביעטען. גאָר פאַרקעהרט, מיט יעדע נייע ערפינדונג, וואָס עס מאַכט דער מענשליכער שכל, דער חלק אלוה ממעל, זעהען מיר ערשט ארויס דאָס ריכטיגקייט פון דוד המלך'ס ווערטער: "מה רבו מעשיך ה', כלם בחכמה עשית". ווי גרויס די געטליכע השגחה איז, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר'ן מענשען אַלע די נאַטורקרעפטען, וועלכע דער מענשליכער שכל נוצט אויס אין אַלע זיינע ערפינדונגען. דאָס איינציגע נאָר וואָס מיר ווילען האָבען איז, אַז אין דעם אינערליכען לעבען פונ'ם אידען, אין זיין הויז-פיהרונג, אין זיין באַצוג צו גאָט און צו זיין פאָלק, זאָל ער זיך זיין אָפּגעשיידט פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען ניט געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני און האָבען ניט מקבל געווען די תורה מיט די מצוות.

עס פארשטעהט זיך, אַז מיר האָבען אבסאָלוט ניט בדעה צו קריטיקירען וועמענס ניט איז, רעליגיעזע איבערצייגונגען, פון אירגענד

וועלכען פאָלק, און מיר האָבען גאָרניט אויסצוזעצען געגען זיי. אָבער מיר פאָדערען פון אונזער אייגען פאָלק, ער זאָל דינען זיין גאָט לויט זיינע טראַדיציאָנעלע באַגריפען, און ניט נאָכמאַכען אנדערע. און דאַן וועט ער קענען ווייטער עקזיסטירען אלס א באַזונדער פאָלק. ווי די תורה זאָגט: "הן עם לבדד ישכן ובגויים לא יתחשב". (אַלס מענשען, הייסט עס, זענען מיר גלייך מיט אנדערע, אלס פאָלק אָבער דארפען מיר זיין באַזונדער, געהן אונזער אייגענעם וועג).

יצחק אבינו, ווי מיר ווייסען, האָט געהאָט צוויי זיהן, יעקב און עשו. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי זענען געווען צוויי לייב־ליכע ברידער, זענען זייערע וועגען געווען ווייט איינער פונ'ם צווייטען, ווי מזרח פון מערב. יעקב אבינו איז געווען דער איש תם, א נאַ־איוו־פרומער מענש, און עשו איז געווען א איש שדה, א פעלד־מענש, וואָס לעבט פונ'ם שווערד. עס הייסט אזוי: וואָס אַנבאַלאַנגט זייער אויסערליכען צוזאַמענלעבען, זייער וועלטליכען לעבען, האָבען די צוויי ברידער גאַנץ לייכט געקענט אַדורכקומען צווישען זיך, ניט שעדיגען איינער דעם צווייטען. ווען עס קומט אָבער צו אינערליכער, נשמה'דיגער צונויפגיסונג, איז עס א זאַך פון אוממעגליכקייט. ווייל די עלעמענטען פון זייערע כאַראַקטערען זענען אזוינע, וואָס קענען זיך פאַר קיין פאַל ניט אַסימילירען, ניט צוזאַמענמישען.

און מיט דעם וועט זיך אפשר ערקלעהרען דער מערקווירדיגער פאַקט, וואָס יצחק אָבינו איז געבענשט געוואָרען מיט דער ברכה: והרבותי את זרעך ככוכבי השמים, אז זיינע קינדער וועלען זיין ווי די שטערען אין הימעל, און יעקב אבינו איז געבענשט געוואָרען מיט דער ברכה: "והיה זרעך כעפר הארץ", אז זיינע קינדער וועלען זיין ווי דער שטויב פון דער ערד. שטערען אין הימעל זענען בלויז נאָהענט איינער צום צווייטען אויפ'ן אויסקוק, אָבער זיי זענען ניט צוזאמענגעקלעפט ווי איין שטיק. און אזוי זענען אויך געווען יצחק אבינו'ס קינדער, יעקב מיט עשו'ן. זיי זענען בלויז אויסערליך נאָהענט געווען, אָבער ניט צו־זאַמענגעקלעפט ווי איין קערפער, ווייל פאַרשיעדען זענען זיי געווען לויט זייערע אינערליכע אייגענשאַפטען. די שטויב פון דער ערד ווידער קען י א זיין צונויפגעמישט און צוזאַמענגעקלעפט, און אזוי זענען

אויך געווען יעקב אבינו'ס קינדער, אלע ווי פון איין שטיק, איין כאַראַקטער. ווי דער מדרש זאָגט: "שהיתה מטתו שלימה, ולא היה בה פסול". אלע זיינע קינדער זענען געווען ערענטליכע, לייטישע, אָהן אַ שום פעהלער.

און זעהר טרעפליך דערצעהלט אונז דער מדרש, אז יעקב האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען עשו'ן "לדורון, לתפלה ולמלחמה", מיט גוטען, מיט בייזען און אויך מיט תפלה טהון צום רבונו של עולם. עס הייסט אזוי: יעקב האָט געזעהן, אז אויב ער וועט פרובירען פיהרען מיט עשו'ן אַ מלחמה, דאַן שטעלט ער זיין קערפער אין געפאַהר, ווייל עשו איז פיעל שטאַרקער פון איהם. וועט ער ווידער געהן מיט עשו'ן מיט גוטען און יענער וועט איהם אויפנעהמען מיט אָפענע אָרימס, איז דאַן זיין נשמה, זיין גייסט, אין געפאַהר. — ווייל פון דער חברותא מיט עשו'ן וועט זיין אידישקייט קיין צופיעל געזונד נישט צוקומען. און דערפאַר האָט ער זיך גענומען פאַר דעם דריטען מיטעל— ער האָט מתפלל געווען צום רבונו של עולם מיט די ווערטער: "הצילני נא מיד אחי, מיד עשו". דאָס הייסט — באַשיץ מיך גאָט, סיי ווען ער וויל זיין מיט מיר גוט-ברודער, און סיי ווען ער ווייזט זיך מיט זיין גאַנץ שלעכטיגקייט, ווי עשו הרשע. ווייל איןביידע פאַלען איז ער פאַר מיר געפעהרליך. און די ענדע איז טאַקע געווען, אז עשו האָט בלויז מיט יעקב'ן קיין מלחמה ניט פאַרפיהרט, אָבער באַהעפטען זיך און צוזאַמענבינדען זיך האָבען זיי אויך ניט. עשו איז זיך אוועקגעגאַנגען זיין וועג, און יעקב זיין וועג. און אויף אַזאַ אופן איז יעקב ניצול געוואָרען פון ביידע געפאַהרען, אי פון קערפערליכער געפאַהר און אי פון גייסטיגער.

און אזוי ווי "מעשה אבות סימן לבנים", דאָס הייסט, אז די איצטיגע דורות דאַרפען נעמען פאַר אַ ביישפיעל די אַמאָהליגע עלטערען, דאַרפען מיר זיך אזוי פיהרען אין אונזער לעבען, אַז אַלעס וואָס באַלאַנגט דעם מאַטעריעלען לעבען, דעם וועלטליכען פראָגרעס און טעכנישער ציוויליזאַציע, זאָלען מיר געהן האַנט ביי האַנט מיט אַלע פאָרטגעשריטענע פעלקער, און צוזאַמען מיט זיי מאַכען דאָס ערדישע לעבען וואָס מעהר גרינגער, וואָס מעהר באַקוועהמער. וואָס

אנבאלאנגט אבער דעם גייסטיגען לעבען דארפען מיר זיין אפגעשיידט פון אנדערע און זיך געהן אונזער אייגענעם וועג, דעם וועג פון אונ־זער הייליגער תורה און מצוות, אז אלע זאלען דערקענען אין אונז די געטרייע זיהן פון די גרויסע עלטערען, וואס האבען מקבל געווען די תורה אויפ'ן בארג סיני.

וישלח.

ב.

הצילני נא מיד אחי—מיד עשו.

ווען יעקב האט געשיקט אנזאגען זיין ברודער עשו, אז ער קעהרט זיך אום צוריק אהיים, האט ער איהם געזאגט: די גאנצע צייט, וואס איך בין געווען אוועק פון דער היים, האב איך געוואוינט מיט אונזער מו־טער'ס ברודער לבן. און רש"י איז מוסיף אויף דעם, זאלסט אבער אויך וויסען, אז איך האב דארט געהיט די תורה מיט די מצוות.

אינטערעסאנט צו פארשטעהן פארוואס האט עס יעקב אבינו געפונען פאר נויטיג צו לאזען וויסען עשו'ן, אז ער האט ביי לבן'ן אין הויז ניט פארנאכלעסיגט תורה מיט מצוות. איז דען עשו געווען אזא פארברענטער צדיק, וועלכער האט זיך אויך געקימערט וועגען אנדערנס אידישקייט, וואס יעקב האט עס איהם געוואלט בארוהיגען אין דעם הינזיכט? ווען מיר וועלען זיך אבער צוקוקען נעהנטער צו דעם אופן ווי יעקב האט זיך געגרייט צו דער באגעגענעש מיט עשו'ן, וועלען מיר פארשטעהן וואס ער איז אויסען געווען מיט דער ידיעה וועגען זיין אי־דישקייט, וואס ער האט געלאזט וויסען זיין ברודער.

אין אלע מלחמות, וואס קומען פאר אין דער וועלט, אפילו צווי־שען אייגענע ברידער, איז דער שטייגער, אז יעדער צד זוכט די בעסטע מיטלען, מיט וועלכע דעם צווייטען צד אונטערצוברענגען, בכדי ער זאל ארוים דער זיגער. אין קיין פאל אבער קענען מיר ניט געפינען אזא ביישפיעל, וואו איינער פון די קעמפפענדע צדדים זאל זוכען מיטלען ווי צו פ א ר ה י ט ע ן דעם צווייטען צד, עס זאל איהם חלילה קיין בייז ניט געשעהן. אזא זאך וואלט פשוט געווען געגען דער דורכשניטליכער

מענשליכער נאַטור, וועלכע האָט נאָך אין זיך אַ היבשע פּאָרציע פון דעם היה'שען געפיהל, וואָס די אינטערעסען פון איהר אייגענער פעל קומען צוערשט.

יעקב אבינו אָבער, וואָס איז געווען אַ "איש תם", אַ פרומער, איידעלער, גאָטס־פאָרכטיגער מענש אין אַלע זיינע מעשים, איז אויך אין דעם פאַל פון דער מלחמה, וואָס איז איהם פאָרגעשטאַנען צו פיהרען מיט זיין ברודער, געווען דער זעלבער "איש תם". ניט בלויז וועגען זיך אַליין און זיינע פרויען און קינדער האָט ער געטראַכט ווי צו באַשיצען, און איבערטראכטען טאָמער וועט זיי עטוואָס שלעכטס טרעפען, נאָר אויך וועגען צ ו ו י י ט ע ן צד, וועגען עשו'ן מיט זיין מחנה, האָט ער איבערגעטראכט. טאָמער וועט ז י י עפּעס געשעהן, און ער האָט עס מיט אַלע מעגליכקייטען געזוכט צו פאַרהיטען. ווי דער מדרש פאַר־טייטשט: "ויירא — שמא יהרג, ויצר לו — שמא יהרג הוא את אחרים". עס הייסט, אַז אין דער זעלבער מאָס, וואָס יעקב האָט זיך געשראָקען טאָמער וועט ער אַליין, אָדער ווער פון די זייניגע, געטויט ווערען, האָט ער אויך געזאָרגט טאָמער וועט עמיצער פון עשו'ס מענשען געטויט ווערען דורך איהם.

און יעצט אַז מיר ווייסען שוין ווי יעקב האָט עס אַזוי געציטערט טאָמער וועט חלילה דער צווייטער צד עפּעס ליידען פון איהם, וועלען מיר שוין פאַרשטעהן פאַרוואָס יעקב האָט עס געפינען פאַר נויטיג לאָ־זען וויסען עשו'ן וועגען זיין היטען אידישקייט אין לבן'ס הויז.

ווען יעקב האָט געהערט דורך זיינע שליחים, אַז עשו געהט איהם אַנטקעגען מיט אַ וועלכע פיער הונדערט מאַן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עשו האַלט איהם מסתמא פאַר עפּעס אַ לא יוצלח, אַ שיפע־זיבעלע, וועל־כער קען גאָר קיין ווידערשטאַנד ניט געבען. ווייל געווים האָט ער זיך אויך אָנגעהערט ווי לבן האָט עס מיט איהם אַלע מאָהל געדרעהט און געמאַכט נייע קאָמבינאַציעס אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און ער, יעקב, האָט זיך איהם אינגאַנצען ניט אַנטקעגען געשטעלט. און אָט דערפאַר האָט עס יעקב געשיקט זאָגען עשו'ן: "הער זיך איין, ברודער־קע: אמת טאַקע, אַז "עם לבן גרתי", דו האָסט געהערט, אַז ביי לבן'ן אין הויז בין איך געווען אַ גר אויסגעריסען געוואָרען, שווער געאַרבייט

און פיעל מאָהל זיך געלאָזט אָפּנאַרען. קענסטו דאָך געווים מיינען, אַז אויך דו וועסט מיט מיר טאָן אַלעם וואָס נאָר דיר וועט זיך וועלען, און איך וועל דיר קיין שום ווידערשטאַנד ניט קענען געבען. זאָג איך דיר, אַז דו מאַכסט אַ טעות. דו פאַרגעס נאָר ניט, אַז "תרי"ג מצות שמרתי". דאָס מיינט, אַז ניט קוקענדיג אויף אַלע שווערינקייטען האָב איך דאָך ניט פאַרנאַכלעסיגט די תורה מיט די מצוות. און דער זכות פון דעם, גלויב איך, וועט אויף מיר מגין זיין, אַז אויב דו וועסט זיך מיט מיר זאַמשעפּען, וועסטו זיך געווים אָפּבריהען דיינע פינגער, נאָר אזוי ווי איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט דו זאָלסט צוליעב דיין אומוויסענקייט ליידען, בין איך דיר מתרה ומודיע, איך לאָז עס דיר וויסען, בכדי דו זאָלסט ווי-סען וואָס דו האָסט צו טאָן".

און ווי מיר האָבען שוין ניט איינמאָל דאָ דערמאָנט איז "מעשה אבות סימן לבנים", דאָס זעלבע וואָס האָט פּאַסירט מיט אונזערע היי-ליגע עלטערען טרעפט אויך מיט זייערע קינדער.

שוין ניט איינמאָהל האָט געטראָפען, אַז עשו'ס אייניקלעך אין די פאַרשיעדענע גלות-לענדער האָבען זיך פאַרמאָסטען אויף יעקב'ס אייניקלעך מיט זייער גאַנצער קראַפט, וועלענדיג זיי אינגאַנצען אָפּווי-שען פון גאָט'ס וועלט. אונזער אידיש פאָלק אָבער ענטפערט זיי מיט די זעלבע ווערטער, וואָס דער זיידע יעקב האָט געזאָגט עשו'ן: אמת טאַקע, אַז מיר זענען ביי אייך גרים, אַנגעוואָרפענע געסט, פיזיש שוואַכער פון אייך, פשוט דערפאַר, וואָס איהר ל אָ ז ט אונז ניט זיין שטאַרק. איהר דאַרפט אָבער ניט פאַרגעסען, אַז "תרי"ג מצוות שמרתי", אַז דער כח פון אונזער הייליגער תורה מיט אונזערע טראַדיציעס איז פיעל שטאַר-קער פון אייערע פויסטען, און אפילו פון אייערע האַרמאַטען, ווייל גייסט איז אַלעמאָהל שטאַרקער פון פיזישער קראַפט, און מיר האָבען דערפאַר פאַר אייך קיין מורא ניט.

אַ שאָד, וואָס אונזער אונטערוואַקסענדער דור דאָ אין לאַנד ווערט אזוי ווייניג באַקאַנט מיט אונזערע גייסטיגע אוצרות. דאָס וואָלט זיי געהאָלפען פיעל נעהנטער צו זייער פאָלק, און וואָלט זיי אפילו גע-מאַכט שטאָלץ אויף זייער אָנגעהעריגקייט צו'ן אַזאַ אַלט קולטורעל פאָלק.

וישב.

וישב יעקב, ברייננט רש״י דעם מדרש: ״בקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף״.

דער מדרש, הייסט עס, דערצעהלט אונז, אז קומענדיג אהיים פון לבן׳ס הויז האט יעקב אבינו געוואלט זיצען אביסעל רוהיג, איז איהם אונטערגעקומען די צרה מיט יוסף׳ן.

ווען מיר קוקען זיך צו צו דער אויפפיהרונג פון מענשען, זעהען מיר, אז די דאזיגע וואס זענען ניט באוואפענט מיט קיין גענוג שטאר־קער אמונה אין דער געטליכער השגחה, געהען בדרך הישר בלויז דאן, ווען דאס מאטעריעלע לעבען זייערס שטראמט נארמאל, מיטעל־מעסיג (ניט בויגענדיג זיך צופיעל אין דער זייט פון גרויס גליק אדער חלילה אומגליק.) טאמער אבער מאכט זיך, אז דאס מזל שפיעלט זיי צו עטוואס מעהר ווי געוועהנליך, דאן פארררייסען זיי דעם קאפ און דיינקען, אז זיי זענען עס די פיינע בריות, אז בלויז מיט זייער חכמה האבען זיי אלעס דערגרייכט, און דעם רבונו של עולם רוקען זיי אפ אויף דעם אונטערשטען פלאץ. דאס זעלבע ווען דאס רעדעל הויפט זיך ביי זיי אן דרעהען בארג אראפ און די לאגע ווערט פארערגערט, איז דאס ביסעל אידישקייט זייערס דאס ערשטע כפרה - הינדעל, זיי שאק־לען זיך באלד פון דעם אפ, ווייל, ווי זיי זאגען דאמאלס, אז חלילה ״לית דינא ולית דיינא״, נישטא קיין יושר, הייסט עס, אין דער וועלט־פיהרונג.

נעהמענדיג אין אכט אט די געבראכטע פאקטען קענען מיר דא־רום זאגען, אז די ראיעלסטע און ריכטיגסטע מאס אויסצוגעפינען אויף ווי ווייט איז דער אדער יענער איד פעסט אין זיין אמונה, שטארק אין זיין גלויבען, ווען מיר זעהען זיין אויפפיהרונג בנוגע גאט אין זיינע גאר גוטע צייטען, ווי אויך אין די גאר שלעכטע: אויב ער פארגעסט זיך ניט אין די גוטע, און פארלירט זיך ניט אין די שלעכטע צייטען, איז עס א באווייז, אז דער שורש פון זיין נשמה איז א הייליגער, און אז זיין

אמונה אין גאָט אין אַן אויפריכטיגע. און דאָס זעלבע חלילה פאַר־קעהרט.

אברהם אבינו, ווי מיר ווייסען, איז דורכגעגאַנגעןביידע פּראָבעס און זיי גלענצענד אויסגעהאַלטען. זיין אמונה אין גאָט איז געווען פעלזען־פעסט און איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען סיי אין גוטע אומ־שטענדען און סיי אין שלעכטע. דאָס זעלבע געפינען מיר ביי יצחק׳ן. יעקב אָבינו אָבער איז בלויז אויסגעשטאַנען דעם נסיון (פּרוב) פון אָרימקייט, פון שלעכטע צייטען. דאָרט האָט ער אַרויסגעוויזען זיין שטאַרקע אמונה אין גאָט. ווי דער מדרש זאָגט: ״עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״. כאָטש ער איז ביי לבן׳ן אויסגעשטאַנען די ערגסטע יסורים, האָט ער אינדעסטען תורה מיט מעשים טובים ניט פארבויגען חלילה. דעם נסיון אָבער פון עשירות, טריי בלייבען דעם רבונו של עולם אויך אין גוטע צייטען, דאָס האָט יעקב אבינו ניט געהאַט דאָס מעגליכקייט צו באַווייזען, ביז ער איז צוריקגעקומען פון לבן׳ס הויז. פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט ביז דאַמאָלס קיין איין גוטען טאָג אין זיין לעבען ניט געהאַט.

און אָט דאָס דערצעהלט אונז דער מדרש: ״בקש יעקב אבינו לשבת בשולה״, יעקב אבינו, דער אמת׳ער צדיק, האָט געוואָלט האָבען און אויסשטעהן אויך דעם נסיון פון עשירות, ער האָט געוואָלט קענען באַווייזען זיין צוגעבונדענקייט צו גאָט, זיין טיפען גלויבען אין איהם, אויך אין איין עת שלוה, אין אַ רוהיגער, אין אַ גליקליכער צייט. צום באַדויערען אָבער האָט זיך עס יעקב אָבינו ניט איינגעגעבען, ״וקפץ עליו רוגזו של יוסף״, עס איז איהם אונטערגעקומען דער אומגליק מיט יוסף׳ן.

ווייל, ווי מיר ווייסען איז דער צוועק און דאָס שטרעבען פון יעדען אידישען מענשען איבעראַל צו לאָזען נאָך זיך אַ דור פון אָרענטליכע און געטרייע אידישע קינדער. אַ דור, וועלכער זאָל זיין מסוגל צו שפּינען ווייטער דעם היסטאָרישען גאָלדענעם פאָדים, וועלכער ציהט זיך פון די גאָר אַלטע דורות. איז וואָס אַנבעלאַנגט אָרימע קינדער ווייסען מיר, אַז מיט זיי איז די לאַגע אַביסעלע גרינגער, ווי אונזערע חכמים דריי־קען זיך אויס: ״הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה״. די אָרימע

קינדער, הייסט עס, לאָזען זיך פאָרט צו נעהנטער אביסעל צו דער תורה, צו אידישקייט. דאָס וואָס עס פעהלט זיי אין דעם עולם הזה׳-דיגע לעבען, זוכען זיי צו פאַרפילען מיט גייסטיגע ווערטהען. מיט די רייכע קינדער אָבער איז די לאַגע אביסעל שווערער. זיי, וואָס גע־ניסען אין אַ פולער מאָס פון די מאַטעריעלע פאַרגעניגענס, זענען ווייניגער מסוגל צו נעמען אויף זיך דעם עול פון תורה און מצוות, און דערפאַר פאָדערט זיך אָפּצוגעבען אויף דעם ספּעציעלע אויפמערקזאַמ־קייט אום זיי מדריך זיין בדרך הישר. און אָט דאָס האָט מען עס מרמז געווען (אָנגעוויזען) יעקב׳ן, אז אויב ער וויל געניסען אביסעל מעהר פון די עולם הזה׳דיגע פאַרגעניגענס, וועט ער דאַן האָבען אַ היבש ביסעל שווערינקייט מיט דער ערציהונג פון זיין יוסף׳קען.

פון דעם אַלעמען איז שוין לייכט צו פאַרשטעהען, ווי מיר, אַמע־ריקאַנער אידען, וואָס אונזערע קינדער וואַקסען, גאָט צו דאַנקען, אין די בעסטע מאַטעריעלע אומשטענדען, וואָס מיר האָבען זיך ווען עס איז געקענט ווינשען—ווי מיר דאַרפען עס שטעהן אויף דער וואך און אָוועק־געבען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דער דערציהונג פון אונזערע קינדער, דעם אונטערוואַקסענדען דור, אז זיי זאָלען געהן בדרך הישר און בלייבען עהרליכע און געטרייע אידען.

מקץ.

ופרעה חולם והנה עומד על היאור.

איינער פון אונזערע חכמים אין מדרש דריקט זיך אויס, אז רשעים, שלעכטע מענשען, שטעלען זיך העכער פון זייערע געטער, און דערפאר איז געשריבען ביי פרעה'ן: אז ער האט געזעהן אין חלום, ווי ער שטעהט אויף דעם טייך, ווייל ווי מיר ווייסען איז דער טייך נילוס געווען פארערכענט ביי די מצריים פאר א גאט. צדיקים אבער שטעלען גאט העכער פון זיך, און דערפאר האט יעקב אבינו געזעהן אין חלום "והנה ד' נצב עליו" אז גאט שטעהט איבער איהם.

צדיקים און רשעים! ארענטליכע און אומארענטליכע מענשען! ווי גרויס איז דער אונטערשיעד צווישען אט די דאזיגע צוויי קאטעגאריעס מענשען.

דער ארענטליכער מענש, דער צדיק, איז א מענש מיט א פיה־לענדע הארץ, א מענש מיט אידעאלען, און די אידעאלען שטעהן ביי איהם העכער פון זיינע פערזעהנליכע מאטעריעלע אינטערעסען. דער שלעכטער מענש אבער, דער רשע, אינטערעסירט זיך בלויז מיט דעם, וואס האט א דירעקטען שייכות צו איהם פערזעהנליך, וואס קען איהם אליין א ווערלכען עס ניט איז נוצען ברייננגען, און חוץ דעם וויל ער פון קיין זאך ניט וויסען. אידעאלען אלס אזעלכע, אהן אייגעננוצען, זע־נען איהם איינגאנצען פרעמד.

דער ארענטליכער מענש, דער צדיק, ברייננגט מיט זיין אויפ־פיהרונג, מיט זיין ארט לעבען, בלויז פריעדען און גוטס, ברכות און לע־בען, פאר זיך אליין און פאר זיינע מיטמענשען. דאגעגען ברייננגט דער אומארענטליכער, דער רשע, בלויז קריג, צרות און שלעק פאר זיך און פאר אלע, וואס קומען מיט איהם אין באריהרונג.

אין דאס זעלבע, וואס ווערט געזאגט וועגען אן איינציגען, פריוואטען, מענשען, קען נאך אין א פיעל גרעסערער מאס אנגעווענדעט ווערען צו די, וואס האבען צו זאגען איבער לענדער און פעלקער, דאס הייסט — מלכים און שרים. אויב דער מלך איז פון דעם סארט,

וואָס שטעלט די אינטערעסען פון זיין לאַנד העכער פון זיינע פּערזענ-ליכע ענינים, וואָס זוכט בלויז די טובה פון זיין לאַנד און פאָלק, דאַן קען זיין קעניגרייך פּראָגרעסירען, לעבען שטענדיג אין גליק און צו-פרידענהייט. טאָמער אָבער איז דער מלך פאראינטערעסירט אין זיין אייגענעם גליק, און די אינטערעסען פון זיין פאָלק ריהרען איהם אינ-גאַנצען ניט אָן, דאַן מוז זיין לאַנד געהן צוריקוועגס, בלייבען הינ-טערשטעליג און ניט וויסען פון קיין פרידען און גליק.

אָט דעם דאָזיגען געדאַנק האָט אונז שלמה המלך אָנגעצייגט אין געצעהלטע עטליכע ווערטער, ווען ער האָט געזאָגט: "ברבות צדיקים ישמח העם, ובמשל רשע יאנח עם". דאָס הייסט: ווען אָרענטליכע מענ-שען זענען די אָנפיהרער פון אַ לאַנד, איז דאָס פאָלק שטענדיג צופרידען, און ווען שלעכטע מענשען זענען די מושלים אין אַ לאַנד, בלייבט דעם פאָלק מעהר ניט ווי צו קרעכצען אונטער דעם יאָך פון צרות, וואָס אָט די דאָזיגע מושלים ברייננען אויף איהם. און דאָס זעלביגע דריקט אוים דער מדרש וואָס מיר האָבען פריהער געבראַכט, אַז "צדיקים — אלהיהם מתקימים עליהם, ורשעים—מתקימים על אלהיהם", אָרענטלי-כע מענשען שטעלען די געטליכע אידעאַלען העכער פון זייערע אייגע-נע אינטערעסען, און שלעכטע מענשען שטעלען, פאַרקעהרט, זייערע פּריוואטע אינטערעסען העכער פון די געטליכע.

און אַזוי ווי אַ חלום איז כמעט שטענדיג דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער מענש טראַכט אַמייסטענס בייטאָג, דער פאַר האָט זיך יעקב אבינו גע'חלום'ט, אַז "ה' נצב עליו", גאָט שטעהט איבער איהם, און פרעה האָט געזעהן אין זיין חלום "והנה עומד על היאר" אַז ער שטעהט העכער פון דעם טייך, וואָס איז ביי די מצריים געווען פאַרהייליגט אַלס זייער גאָט.

ויגש.

ויפל על צואריו, ויבך על צואריו עוד.

די תורה דערצעהלט אונז, אז ווען יוסף האָט זיך צוערשט באַגעגענט מיט יעקב'ן אין מצרים, איז ער איהם געפאַלען אויפ'ן האלז, געקושט און געוויינט. וועגען דעם אַז יעקב זאָל האָבען געטאָהן דאָס זעלבע צו יוסף'ן, דערמאָנט די תורה אינגאַנצען ניט. (רש"י ברייגנט דעם מדרש, וואָס וויל דאָס פאַרענטפערען דערמיט, אַז יעקב האָט פונקט אין דער צייט געלייענט קריאת שמע.)—

ווי מיר ווייסען האָלטען די אידישע שונאים אין אַלע צייטען אין איין ברעכען זיך דעם קאָפּ און אין איין פרעגען אין וואָס עס באַשטעהט די אונגעהויערע קראַפט פון דעם אידישען פאָלק, וואָס נאָך די אַלע פּלאָגען און לײדען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין לאַנגען גלות, איז ער נאָך אַלץ לעבענספעהיג און מונטער, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געשעהן מיט איהם? דער אמת איז אָבער, אַז ווען אָט די זעלבע שונאים זאָלען זיך מעהר אביסעל אַריינטראַכטען אינ'ם כאַראַקטער פונ'ם אידישען פאָלק, וואָלט פאַר זיי די רעטעניש גאַנץ לייכט קלאָהר געוואָרען.

פאַראַנען אויף דער וועלט צוויי מינים קראַפט. פאַראַן פיזישע קראַפט און פאַראַן גייסטיגע קראַפט. פיזישע קראַפט איז, קען מען זאָגען, דערגרייכבאַר כמעט פאַר יעדען איינעם. יעדער איינער קען זיך איינשאַפען כל המינים כלי זין (געוועהר) און זיך אויסלערנען באַנוצען עס, און דערמיט אָפּשרעקען די שוואַכערע פון איהם. דערפאַר אָבער איז אָט די דאָזיגע קראַפט, די פיזישע, ניט תמיד קיין אבסאָלוט זיכערע, ווי אויך נישט קיין אייביג-דויערענדע. ווייל עס קען גרייליך טרעפען, אַז אַן אַנדער מענש, וועלכער איז מעהר פלינק און געשיקט צו בענוצען דאָס זעלבע, אָדער אַן אַנדער מין געוועהר, זאָל אַרויסווייזען אַ מעהר שטאַרקערע פיזישע קראַפט פון דעם ערשטען, און פון אַ זיעגער איהם מאַכען פאַר אַ באַזיעגטען. די גייסטיגע קראַפט, דאַגעגען, קומט נישט אַן לייכט דעם מענשען. אום צו זיין אַ גייסטיג-קרעפטיגער

מענש דאַרף מען זעהר פיעל האַרעווען, פיעל יאָהרען דאַרף מען אויף דעם אַוועקגעבען, טעג ניט דערעסען און נעכט ניט דערשלאָפען. דער־פאַר אָבער איז די דאָזיגע קראַפט, איינמאָהל אַ דערגרייכטע, אַ לע־בענסלענגליכע אייגענשאַפט. אונטער קיינע אומשטענדען קען זי איהם ניט פאַרלוירען געהן, דעם מענשען. קיינער אין דער וועלט קען זי ביי איהם ניט אַוועקנעמען.

און פונקט ווי ביי אַן איינצעלנעם מענשען אַזוי איז אויך ביי אַ גאַנץ פאָלק. די געשיכטע וויסט צו דערצעהלען פון אַ סך פעלקער, וואָס האָבען פאַרגעטערט די פיזישע קראַפט און האָבען זי ביי זיך קול־טיווירט ביז צו דער העכסטער שטופע, ווייל בלויז אין איהר האָבען זיי געזעהן אַ מיטעל אויפצוהאַלטען און פאַרטצוזעצען זייער עקזיסטענץ. און וואָס זענען געווען די רעזולטאַטען פון דעם? פאַרשוואונדען זענען זיי געוואָרען פון דער וועלט, אָט די דאָזיגע פעלקער, נישטאָ פון זיי יעצט קיין זכר אפילו. ווייל אויב פיזישע קראַפט איז אַלעס—זענען גע־קומען אַנדערע פעלקער מיט אַ שטאַרקערע פיזישע קראַפט און האָ־בען זיי פאַרניכטעט.

דאָס אידישע פאָלק אָבער, וואָס האָט די גייסטיגע קראַפט גע־שטעלט העכער פון דער פיזישער און האָט זיין גאַנץ לעבען, סיי דאָס פּריוואַטע און סיי דאָס געזעלשאַפטליכע, באַזירט בלויז אויף אַ הויך־אַנטוויקעלטען גייסט, ער איז **נישט** אונטערגעגאַנגען און **נישט** פאַרניכטעט געוואָרען, ניט קוקענדיג אויף אַלע געברענטע צרות, וואָס ער איז אין זיין לאַנגער געשיכטע אויסגעשטאַנען. ווייל גייסט איז ניט פון די זאַכען, וואָס קענען פאַרניכטעט ווערען. ליידען און פּיין קענען בלויז **שטאַרקען** דעם גייסט, אָבער ניט אומברייגגען איהם. אָט אַזוי איז שוין די נאַטור פון גייסט.

און דורך צוויי וועגען איז עס צום אידישען פאָלק געקומען אָט די וואונדערבאַרע, אומבאַזיגבאַרע, גייסטיגע קראַפט, וועלכע האָט איהם אויפגעהאַלטען **ביז** יעצט, און גיט איהם מוטה אויך אויף ווייטער.

ערשטענס — דורך אונזער הייליגער תורה, וועלכע לערענט אונז אויף שריט און טריט, אַז ניט די מאַטעריעלע ווערטהען זענען דאָס

וויכטיגסטע אין לעבען, סיי פון דעם איינצעלנעם מענשען און סיי פון אַ גאַנץ פאָלק, נאָר די גייסטיגע. ווי אונזערע חכמים דריקען זיך אויס (קידושין דף ל׳ ע״ב) אַז דער רבונו של עולם זאָגט: ״בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין״. דאָס הייסט — אויב עס איז פאַראַנען אויף דער וועלט אַ יצר הרע, אַ שלעכטער און בייזער געדאנק, וואָס רעדט אָן דעם מענשען צו זוכען אין לעבען בלויז די קערפּערליכע פאַרגעניגענס, איז דאַגעגען פאַראַנען די תורה, וועלכע שוואַכט אָפּ אַלע תאוות, אַלע שלעכטע פאַרלאַנגען, דורך דעם וואָס זי שטעלט דאָס גייסטיגע לעבען העכער פון דעם קערפּערליכען.

צווייטענס — איז די ממשלה פון גייסט איבער דעם מאַטעריעלען ביי אונזער פאָלק אַ זאַך, וואָס ליגט אין זיין בלוט, ווייל ער האָט עס איבערגענומען בירושה נאָך פון די ערשטע אבות: פון אברהם, יצחק ויעקב, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען אין זייער ווילען צו דינען גאָט, און האָט דערביי אינגאַנצען איגנאָרירט די מאַטעריעלע אינטערעסען.

און אָט דאָס דערצעהלט אונז דער מדרש, אַז ווען יעקב האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט יוסף׳ן אין מצרים האָט ער געלייענט קריאת שמע. אזוי ווי יעקב אבינו האָט געזעהן, אַז יוסף האָט זיך דערשלאָגען צו ווערען פון אַ קנעכט א שני למלך, אַ וויצע-קעניג, האָט ער פּשוט מורא געהאַט טאָמער האָט זיך זיין יוסף׳קע שוין צופיעל פאַרגאַלאָפּירט און פאַרגעסען אין גאָט, ווי עס טרעפט אָמאָהל אין אַזוינע פאַלען, האָט ער זיך דערפאַר צום אַלעם ערשטען אָוועקגעשטעלט און געלייענט קריאת שמע. ערשטענס האָט ער דערמיט געוואָלט ווייזען יוסף׳ן, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז איהם געווען שטענדיג דאָס באַליעבטסטע קינד. און יעצט באַגעגענט ער זיך מיט איהם נאָך אזוי פיעל יאָהרען, וואָס ער האָט איהם געהאַלטען פאַר טויט, דאָך איז דאָס ליבשאַפט צו גאָט ביי איהם שטאַרקער ווי דאָס ליעבשאַפט צום זוהן. ווייל—גייסט שטעהט העכער פון מאַטעריע. און צווייטענס, האָט יעקב געציעלט דערמיט איינצופלאַנצען אין יוסף׳ס האַרצען די מידה פון מסירת נפש פאַר דער אמונה אין גאָט, וואָס דאָס איז דער עיקר מיינונג פון קריאת שמע.

ויחי.

ועשית עמדי חסד ואמת אל נא תקברני במצרים. ושכבתי
עם אבותי ונשאתני ממצרים.

(געווידמעט צום יאנג איזראעל
אין אמעריקא.)

ווען יעקב אבינו, הייסט עס, האט זיך צונויפגערעדט מיט זיין זוהן יוסף'ן פאר זיין טויט, האט ער איהם געזאגט: טהו מיר א טובה און באערדיג מיך ניט אין מצרים. טראג מיך ארויס פון דארטען און באערדיג מיך נעבען מיינע עלטערען.

אין דעם ספר "קהלת יצחק" ווערען די דערמאנטע ווערטער פון יעקב אבינו צו יוסף'ן אויסגעטייטשט אויף אזא'ן אופן: אויב דו, מיין זוהן, ביסט חלילה קאליע געווארען, זייענדיג אין מצרים א וויצע-קעניג, און האסט זיך דערוויטערט פון דעם ריכטיגען אידישען וועג, זאלסטו וויסען, אז מיט דעם וועסטו מיך אזוי באגראבען, אז איך וועל שוין אפילו קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן, ווי דאס אידישע ווער-טעל דריקט זיך אויס. אויב אבער דו ביסט פארבליבען אן עהרליכער איד, ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען רייכקייט און כבוד, אין וועלכען דו האסט געלעבט אין מצרים, וועט דאס פאררעכענט ווערען פאר דעם גרעסטען קידוש השם, און דורך דעם וועסטו מיך דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה. אט דאס הייסט—"תקברני במצרים" און "ונשאתני ממצרים". דו קענסט מיך באגראבען דורך דיין אויפפיהרונג אין מצרים, און דו קענסט מיך דערהויבען דורך דיין אויפפיה-רונג.

און מערקווירדיג, ווי די געשיכטע חזר'ט זיך איבער. ווי אונ-זערע חכמים האבען געזאגט "מעשי אבות סימן לבנים", אז דאס זעל-בע, וואס האט פאסירט אמאהל מיט אונזערע הייליגע עלטערען, קומט אויך פאר יעצט, אין אונזערע צייטען, פאר אונזערע אויגען.

פונקט ווי אין יעקב אבינו'ס צייטען איז געווען א שטארקער הונגער אין פיעל לענדער, און נאר אין איין לאנד, אין מצרים, איז גע-

ווען ברוים גענוג, אזוי איז אויך אין יעצטיגער צייט כמעט א פאלשטענ־דיגער חורבן אין אלע אייראפעאישע לענדער, אלס דער רעזולטאט פון דעם גרויסען וועלט־קריג, און בלויז אין איין לאנד, אין אמעריקע, איז גאט צו דאנקען די לאגע א צופרידענשטעלענדע, אפילו אין דער צייט פון דער צייטווייליגער דעפרעסיע. און פונקט ווי אין יענער צייט איז יוסף הצדיק געשיקט געווארען דורך דער געטליכער השגחה קיין מצרים און איז דארט דערהויבען געווארען צו דעם הויכען אמט פון וויצע־קע־ניג, בכדי ער זאל דערנאך קענען אריבערברייגגען צו זיך זיין פאטער מיט דער גאנצער פאמיליע און זיי שפייזען אין די הונגער יאהרען, אזוי האט אויך די געטליכע השגחה אוועקגעשיקט צוריק מיט יאהרען א גע־וויסען טהייל פון אונזערע אידען קיין אמעריקא, און זיי דארטען באג־ליקט, בכדי זיי זאלען נאך דער בלוטיגער מלחמה און די שפעטערדיגע פאגראמען, קענען אריבערנעמען זייערע פאמיליעס, עלטערען, קרובים און פריינד, און זיי ארויסהעלפען זיך איינארדענען אין דעם נייעם לאנד.

און פונקט ווי יעקב אבינו האט עס געזאגט יוסף'ן פאר זיין טויט, אזוי זאגען אויך יעצט די פון יוראפ אריבערגעקומענע טאטעס צו זייערע קינדער אין אמעריקע מיט'ן זעלבען לשון: "אויב איהר, קינ־דערלאך, וועט זיך לאזען פארדרעהען די קעפ דורך דעם אויסערליכען גלאנץ פון אייער באקוועמען לעבען און זיך אפקעהרען פון דעם ריכ־טיגען אידישען וועג, דאן איז, חלילה, אמעריקא דאס לעצטע באגרע־בעניש פון אונזער ביסעל אידישקייט, און הלואי וואלט איהר בעסער לכתחלה אהער ניט געווען מגולגל געווארען. אויב אבער איהר וועט אפהיטען וואס צו אן אידען געהער און געהן אין וועג פון תורה און מצוות, דאן וועט איהר מיט דעם מקדש השם זיין, און דער אידישער נאמען וועט דורך דעם דערהויבען ווערען".

און עס וואלט געווים א גרויסער יושר געווען, אז די אמעריקא־נער קינדער זאלען ענטפערען אויף דעם רוף פון זייערע טאטעס, פונקט ווי יוסף הצדיק האט געענטפערט זיין פאטער: "אנכי אעשה כדבריך", מיר וועלען טאהן ווי איהר פארלאנגט פון אונז, ווייל דאס איז אונזער חוב אלס געטרייע און איבערגעגעבענע אידען.

און א באוועגונג פון גוטע קינדער, וועלכע זאגען צו די עלטערען

"אנכי אעשה כדבריך", איז אין די לעצטע צעהן יאָהר אויפגעהויבען גע־וואָרען און עס האָט זיך ענטוויקעלט דער ישראל הצעיר (יאָנג איז־ראעל) וואָס צווישען די חברים זיינען פאַראַן אויך געלערענטע יונגע־לייט, ווי לאָיערס, אינזשענירען, דאָקטוירים. דער צענטער פון יאָנג איזראעל געפינט זיך אין ניו יאָרק, און האָט אָפּטיילונגען אין אלע גרעסערע שטעדט אין אמעריקא. די אלע מעמבערס און חברים פון ישראל הצעיר געהען אין די וועגען פון אונזערע אבות, און זיינען שומרי תורה ומצות און טוהען גוטע ארבייט אין אלע הינזיכטען פון יודענטהום, און עס איז א גייסטיגער פארגעניגען צו זעהן זייער דאוונען און לערנען, זייער באַשיידענהייט, ערליכקייט און שטילקייט, און די ארגאניזאַציע גיט כבוד דעם אידישען פאָלק, און זאָל אויף זיי מקוים ווערען די ברכה, וואָס יעקב אבינו האָט געבענשט זיינע אייניקלאָך אפרים און מנשה'ן, "המלאך הגואל אותי יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי וידגו לרוב בקרב הארץ".

שמות.

— א. —

ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף. רב ושמואל, חד אמר חדש ממש וחד אמר שנתחדשו גזרותיו ועשה עצמו כאלו לא ידע. (סוטה י"א).

עס איז אויפגעשטאַנען, דערצעהלט אונז די תורה, אַ נייער קעניג אין מצרים, וואָס האָט ניט געוואוסט פון יוסף'ן. איינער פון די חכמים אין דער גמרא זאָגט, אז עס מיינט, אז דער קעניג איז געווען דער זעלבער, נאָר אלע מאָהל האָט ער נייע גזרות אויף אידען ארויסגעגעבען, און ער האָט זיך בלויז געמאַכט, אז ער ווייסט ניט פון יוסף'ן.

ווען מיר קוקען זיך צו צו דעם לעבען פון יוסף הצדיק און אַלעם וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט פון זיין פריהסטער יוגענט ביז דער ענדע פון זיין לעבען, ווערען מיר ממש ערשטוינט צו זעהן ווי די געטליכע השגחה האָט עם באַגלייט יוסף'ן אויף יעדען שריט און טריט, און ווי ריכטיג עס איז וואָס שלמה המלך זאָגט אין משלי: "כי שבע יפל צדיק ויקם", ווען אפילו דער צדיק, הייסט עס, פאַלט אַ סך מאָהל, העלפט איהם דאָך גאָט ער זאָל זיך קענען צוריקשטעלען אויף זיינע פים.

ווי מיר ווייסען פון דער תורה איז יוסף געווען דער בן זקונים ביי זיין פאָטער. זעהר אַ געראָטענער און אַ וואויל-קענעוודיגער אויך דערצו. ווי דער מדרש זאָגט: "כל מה שלמד משם ועבר מסר לו", די גאַנצע תורה, וואָס יעקב האָט זיך אָנגעלערענט ביי זיינע רביים, האָט ער איינגעקנעלט מיט יוסף'קען. און דער פאָטער האָט איהם טאַקע אויך שטאַרק ליעב געהאַט. איז דאָך דאַכט זיך גוט? דאַרף זיך אָבער מאַכען אַזוי, אַז זיין געראָטענקייט, צוזאַמען מיט דעם פאָטערס שטאַרקער ליעבע, זאָלען אַרויסרופען אַ קנאה-שנאה צו איהם מצד די אייגענע ברידער, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַזוינער, וואָס טרעפט זעלטען אין אירגענד וועלכער פאַמיליע: דורך די אייגענע ברידער איז יוסף פארקויפט געוואָרען פאַר אַ קנעכט און געבראַכט

געוואָרען קיין מצרים, אין דעם קלאַסישען לאַנד פון קנעכטשאַפט צו יענער צייט. אראָפּגעפּאַלען, הייסט עס, יוסף פון דער העכסטער שטופע פון גליקליכען, רוהיגען לעבען, אין שוים פון אַ ליבענדען פאָ-טער, צו אַ לעבען פון אַ פאַרפייניגטען שקלאַף אין מצרים, און צום לעצטען איז ער נאָך אויך אין געפענגניש אריינגעשליידערט געוואָרען, אין אַ פינסטערען גרוב.

וואָלט אַזאַ זאַך געטראָפען מיט עמיצען אַנדערש, וואָלט ער שוין מסתמא אַלע זיינע יאָהרען אָפּגעפינסטערט אין שקלאַפעריי און אין די פריזאָנס, און די ליכטיגע שיין פאַר זיינע אויגען מעהר ניט אָנ-געקוקט. האָט אָבער די געטליכע השגחה פאַר יוסף'ן געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליכע אויסנאַהמע. פון דעם פינסטערען גרוב האָט זי איהם אַרויסגענומען און אויף דעם קעניגליכען טראָהן אַרויפגעזעצט. פון אַ פאַרפינסטערטען מצרים-שקלאַף איז ער געוואָרען דער פאַקטי-שער הערשער פון מצרים, וואָס אַלע האָבען איהם געקוקט אין מויל אריין און זיינע באַפעהלען גלייך דורכגעפיהרט. ניט געהאָלפען, הייסט עס, אויך דאָס לעצטע מיטעל, דאָס פאַרקויפען איהם פאַר אַ קנעכט, דורך וועלכען זיינע ברידער האָבען געדיינקט איהם אונטערצובריינגען. אדרבא! דאָס האָט ערשט געפיהרט צו זיין גרויסקייט און צום פאַר-ווירקליכען אַלע זיינע גרעסטע אַמביציעס.

און אויב דער מדרש דריקט זיך אויס "כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף", אַז אַלעס וואָס האָט געטראָפען מיט יעקב'ן האָט אויך געטראָפען מיט יוסף'ן, וואָלטען מיר עס געקענט איבערפראַזירען און זאָגען, אַז אַלעס וואָס האָט פּאַסירט מיט יוסף הצדיק האָט אויך פּאַ-סירט מיט רבי יעקב'ן, דאָס הייסט מיט אונזער פאָלק ישראל. אויך אונזערע ברידער, אַ טייל פון די אומות העולם, פון די פעלקער וואָס אַרום אונז, פאַרגינען ניט אונזער גרעסטענקייט און זענען מקנא אונזער פעהיגקייט אריינצופּאַסען זיך אין די פאַרשידענע סיטואַציעס, אין וועלכע עס קומט אונז אויס צו לעבען, און אונזער הויך-אַנטוויקעל-טער נאַציאָנאַלער לעבענסקראַפט און לעבענסווילען, וועלכע לאָזט אונז ניט אונטערגעהן. און אין זייער בלינדער קנאה-שנאה שטעלען זיי זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטעל, ווי נידערטרעכטיג עס זאָל ניט זיין,

אבי נאָר אונטערבריינגען אונז. די רעזולטאַטען אָבער זענען די זעל־בע ווי ביי יוסף הצדיק. ניט נאָר דערגרייכען ניט זייערע מיטלען דעם ציעל, וואָס זיי שטעלען זיך, דאָס הייסט — אונזער ענטגילטיג פאַר־שוואונדען פון דער וועלט, נאָר זיי שטאַרקען נאָך אונזער ווילענס־קראַפט צום ווייטערדיגען עקזיסטענץ און אונזער ווידערשטאַנדס־קראַפט געגען אַלע פאַרפאָלגונגען מצד אונזערע שונאים. און נעמענ־דיג טאַקע יוסף הצדיק פאַר אַ ביישפיעל זענען גאַנץ באַרעכטיגט די האָפנונגען, אַז אויך אונזערע חלומות וועגען גליקליכע צייטען וועלען מיט גאָט׳ס הילף פאַרווירקליכט ווערען, פונקט ווי יוסף הצדיק׳ס חלומות זענען מקוים געוואָרען.

און אָט דאָס זאָגט אונז דער בעל המדרש ״שנתחדשו גזירותיו, עשה עצמו כאלו לא ידע״. אין אונזער אויסטייטשונג מיינט עס אזוי: אָט די אַלע, וואָס פליסען זיך אַזוי שטאַרק מיט ערפינדען אַלע מאָהל נייע גזרות אויף אידען, מיינענדיג אז מיט דעם וועלען זיי שוין געבען יעקב׳קען דעם לעצטען טויט־קלאַפּ, באַווייזען דערמיט, אַז זיי ווייסען ניט, אָדער אַז זיי ווילען ניט וויסען, וואָס מיט יוסף הצדיק האָט פּאַסירט, — קיינע מיטלען האָבען נישט געהאָלפען איהם אונטערצו־ברייגנען, און אַז אין דער הינזיכט זענען מיר יוסף הצדיק׳ס אייניק־לאַך פאַר עקסעלענץ.

שמות.

— ב —

ויגדל משה ויצא אל אחיו וירא בסבלותם.

ווען משה רבנו איז, הייסט עס, אונטערגעוואַקסען אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ, איז ער אַרויסגעגאַנגען זעהן ווי עס לעבט זיך זיינע ברידער, די אידען, און האָט געזעהן זייער שווערע האָרעוואַניע.

שוין דער ערשטער שריט, וואָס משה רבנו האָט געמאַכט אַרויסגעהענדיג אין דער וועלט אריין, און וועלכער האָט געפיהרט צו

דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון אַט דעם דאָזיגען גרויסען אידישען פיהרער, שוין אַט דער שריט זיינער ווייזט אָן אויף דעם ברייטען, רחמנות-פולען האַרץ, וואָס ער האָט באַזיצען, און אויף דער גרייט-קייט צו מקריב זיין זיין אייגענעם "איך" פאַר דער טובה פון זיין פאָלק.

ווי מיר ווייסען איז עס ניט קיין נייעס צוטרעפען מענשען, וואָס קומען צו הילף מיט זייער געלט די יעניגע, וואָס ווערען געטראָפען פון עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכען נאַטור-אויסברוך, ווי: הונגער, פאַרפלייצונג, עפּידעמיעס, ערד-ציטערנישען און דאָס גלייכען. ווייל, ערשטענס, ווערט דער מענש בכלל ווייכער געשטימט, ווען ער זעהט ווי אַהנמעכטיג דער מענשליכער ווערט איז אַנטקעגען די אומגעצוימטע נאַטור-קרעפטען. צווייטענס, ווייל עס איז דער שטייגער פון מענשען צו ווע-לען אויסקויפען זיין אייגענע דערלייזונג פון אַ ווערלכען עס איז אומגליק דורך דער הילף, וואָס ער גיט די דאָזיגע, וואָס האָבען פון דעם יאָ גע-ליטען. עס קומט ביי איהם דאַן אויס, אַז ער האָט זיך זיין דערלייזונג אַליין איינגעהאַנדעלט, און עס ווערט איהם דערפון לייכטער אויפ'ן האַרצען. דערפאַר איז עס אָבער זעלטען אַנצוטרעפען מענשען, וועלכע זאָלען, אַ חוץ דער פינאַנציעלער הילף, וואָס זיי גיבען די געליטענע, זיך אויך נעמען די מיה אַליין געהן אַנקוקען אויפ'ן פלאַץ די קאַטאַסטראָ-פע, באַאָבאַכטען די ליידען און פיין פון די געטראָפענע, הערען זייער קרעכץ און זעהן זייערע וואונדען, און טאַקע אין איין וועגס זיי העל-פען פיזיש, דאָס הייסט — פשוט העלפען מיט די הענט, וואו נאָר נויטיג איז. אויף אַט אַזאַ הילף פאַר געליטענע זענען דאָ זעהר ווייניג בעלנים.

דער חסרון פון בלויז פינאַנציעלער הילף, אָהן אַ פּערזעהנליכען קאָנטאַקט מיט די געליטענע, איז גאַנץ קלאָהר. ווען אַ מענש זעהט מיט די אייגענע אויגען ליידען און פיין, ווערען זיי אַזוי טיעף איינגע-קריצט אין זיין מח, אַז ווען עס טרעפט חלילה שפּעטער נאָך עפּעס אַן אומגליק דאַרף ער שוין ניט, אַז עמיצער זאָל קומען אויפוועקען אין איהם דאָס רחמנות-געפיהל. ווייל דאָס אַמאָהל געזעהענע בילד פון אומגליק ערוואַכט גלייך פאַר זיינע אויגען און סטימולירט איהם צו ווייטערדיגער הילפס-מעשים. ווען אָבער אַ מענש אינטערעסירט זיך

ניט צו זעהן מיט די אייגענע אויגען וועמען און וואָס ער העלפט, איז די הילף זיינע בלויז אַ מעכאַנישע, וועלכע לאָזט ניט קיין שום צייכען און קיין שום אָפּקלאַנג אין זיין נשמה, און דער מאָראַלישער ווערטה איהרער איז כמעט גאָרנישט.

און אויף דעם זעלבען דרך האָט איינער פאַרטייטשט די ווערטער, וואָס מיט זיי האָט דוד המלך באַקלאָגט אבנר בן נר: "ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים הגשו", דיינע הענט זענען ניט געווען געבונדען און דיינע פיס ניט אין קייטען געשלאָסען, און ער האָט עס ערקלעהרט אזוי:

פאַראַנען מענשען, וואָס זענען גרייט יענעם מיטצוהעלפען מיט זייער געלט אָבער געהן אליין און טהון יענעם אַ טובה פּערזענליך, אויף דעם זענען זיי קיין בעלנים ניט. פאַראַנען ווידער אזוינע, וואָס מיט זייערע קערפּערס ברייינגען יענעם הילף, זיינען זיי תמיד גרייט. זייער געלד אָבער, איז ביי זיי צו טייער, זיי זאָלען מיט דעם אַ צווייטען וועלען מיטהעלפען. די ערשטע, קומט אויס, האָבען אָפענע הענט, אָבער געשלאָסענע פיס, און די צווייטע, פאַרקעהרט, האָבען פרייע פיס, אָבער פאַרמאַכטע הענט. אין תכלית אַריין אָבער זענען אָט די דאָזיגע ביידע וועגען נאָר גוט אויף האַלב. ווייל אמת'ע גמילות חסד איז, ווי די חכמים דריקען זיך אויס, בין בגופו ובין בממונו, אי מיט געלט און אי דורך פערזעהנליכען קאָנטאַקט.

אבנר בן נר אָבער איז געווען דער ריכטיגער גומל חסד. ניט נאָר מיט געלט איז ער גרייט געווען יענעם מיטצוהעלפען, נאָר אויך מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען. און אָט דאָס האָט אויף איהם געזאָגט דוד המלך: "ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים הגשו". אי די הענט דיינע, זענען ניט געווען קיין פאַרמאַכטע, אי די פיס ניט אין קיין קייטען געשלאָסענע.

און אויך אויף משה רבנו דערצעהלט אונז די תורה, אז ער איז געווען פון די אמת'ע גומלי חסד. "ויצא אל אחיו וירא בסבלותם" זאָגט די תורה. ער איז אליין ארויסגעגאַנגען זעהן ווי עס לעבט זיך די אידען. אָט דער משה, וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען אין פרעה'ס קייזערליכען הויף אויף אלדאָס גוטס, האָט ניט געטראַכט, ווי אנדערע

אין זיין גראד, אז דאס לעבען פון די אָרימע און אומגליקליכע געהט איהם ניט אָן. ער האָט זיך יאָ פּאָראינטערעסירט מיט די פאר-שקלאפטע ברידער. עס האָט זיך איהם זעהר געוואָלט וויסען ווי עס לעבט זיך זיי. אָבער ניט מיט קיין פרעמדע הענט איז משה רבנו גע-גאַנגען פייער שאַרען. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַגניגענען מיט שי-קען אָן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע צו זיינע ברידער-שקלאפען, ווי אנדע-רע אין זיין גראד וואָלטען געטהון, ווען זיי וואָלטען שוין גאָר גוט גע-וואָלט באַרוהיגען זייער געוויסען. ניין! ניט דאָס האָט משה רבנו גע-טאָהן. אַליין מיט די אייגענע אויגען, האָט ער אַלעס געוואָלט זעהן. איינזאַפּען אין זיך, האָט ער געוואָלט, דעם גאַנצען צער פון זיינע אומ-גליקליכע ברידער, זאָרגען זייער זאָרג, פיהלען זייער וועהטאָג און העל-פען אויף ווי וויים די כחות טראָגען.

„ויצא משה וירא בסבלותם".

משה רבנו, הייסט עס, האָט ניט געזשאַלעוועט זיין טרחה, גע-גאַנגען צו די ברידער און אַלעס געזעהן.

און ווען די פּאַרשיעדענע פילאַנטראָפען פון היינטיגע צייטען וואָלטען געגאַנגען אין משה רבנו'ס דרכים, ווען זיי וואָלטען אין זייער צדקה-ארבייט אריינגעלעגט מעהר הארץ, ווען זיי וואָלטען זיך פּער-זענליך באַקאַנט מיט די נויטהען פון די, וואָס קומען אָן צו זיי נאָך הילף, וואָלט אונזער צדקה-וועזען געווים גאַנץ אנדערש אויסגעזעהן.

וארא.

וידבר משה לפני ד' לאמר: הן בני ישראל לא שמעו אלי
ואיך ישמעני פרעה ואני ערל שפתים.

די תורה דערצעהלט אונז, אַז משה רבנו האָט זיך ענטזאַגט געהן צו פרעה'ן ריידען מיט איהם וועגען באַפרייען די אידען, ווייל ער האָט ניט געקענט שעהן ריידען, ער איז ניט געווען קיין גוטער טריביון, ווי מען רופט עס דאָ אין לאַנד.

אויפ'ן ערשטען קוק קומט אוים די זאך צו זיין אביסעל פריקרע. עס שטעלט זיך די פראגע: אויב דער רבונו של עולם האט באשטימט משה רבנו נאך מבטן אמו, איידער ער איז געבוירען געווארען, אז ער זאל זיין דער שליח פון דער געטליכקייט ארויסצופיהרען די אידען פון מצרים, האט ער איהם דען ניט געקענט באשאפען מיט א גוטען חתוך הדבור, מיט א געראטענעם רעדנער-טאלאנט, ווי עס פאסט פאר א פאלקס-פיהרער? האט דאך דער רבונו של עולם אליין געזאגט משה'ן: "מי שם פה לאדם, און חרש או פקח או עור, הלא אנכי ד'". דאס הייסט, אז גאט איז דער, וואס באשטימט צי דער מענש זאל געבוירען ווערען מיט א פעהלער אדער א פאלקאם געזונטער. היינט פארוואס האט עס דער רבונו של עולם דערלאזט, אז משה רבנו זאל באזיצען דעם פעה-לער, פון ניט קענען שעהן רעדען?

ווען מיר וועלען די זאך אבער באטראכטען אביסעל טיעפער וועלען מיר אויסגעפינען, אז ניט גלאט אזוי זיך איז משה רבנו געווען א כבד פה, א מאן מיט א שווערער צונג, נאר אז עס ליגט אין דעם א טיעפע, באהאלטענע כונה, וואס דער רבונו של עולם האט אונז מיט דעם געוואלט ווייזען.

רעדען! — ווער ווייסט עס ניט ווי גרוים עס איז די קראפט פון רעדען! וועלטען גאנצע ווערען געבויעט און פארניכטעט מיט'ן כח פון רעדען. מענשליכע לעבענס הייגגען אפט מאהל אפ אן דעם אופן ווי דער מענש רעדט. "מות וחיים ביד הלשון", האט געזאגט דער חכם. פון דעם כאראקטער און דעם אופן ווי דער מענש באנוצט זיין צונג, ווענדט זיך צומאהל דאס לעבען און, חלילה, דער טוידט. און גאנץ ריכטיג האט אמאהל איינער געזאגט, אז דערפאר פארמאגט דער מענש אויגען און אויערען צו צוויי, און א צונג בלויז איינע, ווייל הערען און זעהן קען דער מענש וויפיעל נאר ער וויל, אבער ריידען דארף ער וואס ווייניגער.

און אויף ווי ווייט דער כח פון רעדען דערגרייכט קענען מיר זעהן דערפון, וואס כמעט אלע וויכטיגע אידייען זענען דורכגעזעצט גע-ווארען אין לעבען בלויז דורך דעם, וואס מענשען האבען פאר זיי אגי-טירט, געמאכט פאר זיי פראפאגאנדע. עס איז א פאקט, אז די אידייען

אליין, ווי גרויס און וויכטיג זייער מאראלישע ווערט זאל ניט זיין, האַ־בען קיינמאהל ניט געקענט מאכען זיך קיין וועג אין לעבען, סיידען זיי האבען געהאט אזוינע מענשען, וואס האבען אפגעגעבען זייער צייט און מיה, און באזונדערס זייער רעדנער־קראפט, אויף צו מאכען זיי פאַ־פולער צווישען דעם ברייטען עולם. און וואס גרעסער עס איז געווען די אגיטאציע פאר דער אידעע, מעהר מענשען האבען זי אנגענומען און מיט דער צייט זי פארהייליגט.

און צוליעב דעם אייגענעם טאקע, האט אויך ניט זעלטען גע־טראפען, אז אבי נאר די אגיטאציע פאר א וועלכער עס איז נייער אי־דעע איז פאר די אדער יענע סבות אבגעשוואכט געווארען, איז גלייך אפ־געשטעלט געווארען דער פראגרעס, די ווייטערע ענטוויקלונג און פאר־שפרייטונג פון אט דער אידעע, און אפט מאהל האט עס אויך געפיהרט צו איהר ענטגילטיגער פארשווינדונג. ווייל דער ברייטער עולם געהט ניט אזוי נאך דער אידעע גופא, ווי דעם דאזיגען, וואס אגיטירט פאר דער אידעע, וואס פאפולאריזירט זי מיט זיין שעהן ריידען, און ווען עס פאלט אוועק דער פונדאמענט, אויף וועלכען דער בנין האט זיך געהאל־טען, מוז דער בנין אליין אויך אומפאלען.

איין אויסנאהמע בלויז אין דעם אנגעוויזענעם כלל איז פאראנען, און דאס איז אונזער הייליגע תורה. אונזער תורה מיט די מצוות זע־נען געווארען דאס אייגענטום פונ׳ם אידישען פאלק, נישט ווייל עמי־צער האט פאר זיי געמאכט א שטארקע אגיטאציע, נישט ווייל עמי־צער האט זיי מיט זיין שטארקער רעדנער־קראפט אונז אין די מוחות אריינגעשטאפט, נאר ווייל זיי זענען דער אמת אליין, די גערעכטיגקייט אין איהר אבסאלוטער פארם, און אמת מיט גערעכטיגקייט זענען אזוי־נע זאכען, וואס נויטיגען זיך ניט אין קיין באגרינדונג אפילו, שוין ניט ריידענדיג פון קיין אגיטאציע. די מצוות פון דער תורה זענען אזוי קלאהר, אזוי אנגענעם פאר אלעמען, אז זיי נויטיגען זיך נישט אין קיין ־שום פראפאגאנדע. און דערפאר טאקע זעהען מיר, אז אויך נאכ׳ן טויט פון משה רבנו, וואס האט די תורה פונ׳ם בארג סיני אראפ־געבראכט, אדער פון די נביאים און אנדערע חכמים, וואס האבען די תורה פארטייטשט און ערקלעהרט, אויך נאך זייער טויט, זעהען מיר,

איז די תורה ניט אָפּגעשוואכט געוואָרען, שוין ניט ריידענדיג פון חלילה, פאַרשוואונדען ווערען. ווייל דער כח פון דער תורה ליגט ניט אין קיין שום אויסערליכע פאַקטאָרען, אין קיין שום אַגיטאַטאָרען, אין קיין שום פּראָפּאַגאַנדיסטען, נאָר אין איהר אינערליכען כאַראַקטער, אין די הויכע מאָראַלישע און עטישע ווערטהען, וואָס זענען ענטהאַלטבאר אין איהרע מצוות.

און אָט דאָס איז פיליכט געווען די כונה פונ׳ם רבונו של עולם מיט דעם, וואָס ער האָט געגעבען די תורה דוקא דורך משה רבנו, וואָס ער איז געווען אַ "כבד פה וכבד לשון", ניט קיין גלענצענדער רעדנער, ניט קיין גערעטענער אַגיטאַטאָר. זאָל מען ניט זאָגען, אַז די אידען האָבען גענומען די תורה, ווייל משה רבנו, דער שליח אין דער זאַך, האָט פאַר איהר געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע אויף גרויסע מיטינגען, אָדער אויף גאַסען-טריבונעס, און זיי זענען מיטגעריסען געוואָרען דורך זיינע שעהנע רייד. גאָר פאַרקעהרט, אַ כבד פה איז משה רבנו געווען, און ער האָט קיינעם גאָר ניט געקענט איינרעדען, אפילו ווען ער זאָל עס געווען וועלען. און אָויב די אידען האָבען דאָך די תורה גענומען, איז עס דערפאַר, ווייל זי איז אַ תורת אמת, אַ תורת חיים, אַן אמת׳דיגע תורה, וואָס פיהרט אַלע, וואָס גלויבען אין איהר און זענען מקיים איה-רע מצוות, צום אמת׳ן לעבען, אויף ד ע ר וועלט און אויף י ע נ ע ר וועלט.

בא.

זאת חקת הפסח, כל בן נכר לא יאכל בו, ומלתה אותו
אז יאכל בו.

די הייליגע תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז בלויז די יעניגע וואָס זיי זיינען גע׳מל׳ט, האָבען די רעכט צו עסען פונ׳ם קרבן פסח.

דער מדרש רבה אין פרשה בא זאָגט, אז ווען די אידען זיינען געווען אין מצרים האָבען זיי ניט מקיים געווען די מצוה פון מילה, א חוץ שבט לוי, וועלכער האָט עס קיינמאָל ניט פארפעהלט. און ווען

דער רבונו של עולם האָט געוואָלט אויסלייזען די אידען פון מצרים האָט ער געזוכט עפּעס א זכות פאר זיי און האָט ניט געפונען. דאַמאָלס האָט ער געהייסען משה רבנו ער זאָל מל זיין די אידען, בכדי זיי זאָלען כאָטש האָבען דעם זכות פון אָט דער מצוה. האָבען עס אָבער די מעהר־הייט פון די אידען אויך דאַמאָלס ניט געוואָלט מקיים זיין. האָט דאַמאָלס דער רבונו של עולם געהייסען משה רבנו ער זאָל מאַכען דעם קרבן פּסח. און אזוי ווי משה רבנו האָט געמאַכט דעם קרבן פּסח, האָט גאָט געהייסען פיער ווינטען פון אלע פיער עקען וועלט זיי זאָלען בלאָזען אין גן עדן אריין, און פון דאָרטען האָבען זיך די ווינטען צו־שפּרייט און זיך באַהעפט אינ'ם קרבן פּסח, און דער ריח האָט זיך גע־פיהלט ווייט־ווייט ארום. דאַמאָלס זיינען אלע אידען געקומען צו משה רבנו און איהם געבעטען ער זאָל זיי געבען עסען פון זיין קרבן פּסח. האָט זיי גאָט געזאָגט, אז אויב זיי וועלען זיך ניט מל זיין קענען זיי ניט עסען פונ'ם קרבן פּסח. דאַן האָבען זיך אלע אידען מל געווען, און דאָס בלוט פון מילה האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט'ן בלוט פונ'ם קרבן פּסח, און גאָט האָט יעדען אידען געבענשט און איהם געזאָגט „בדמייך חיי", דאָס הייסט: אינ'ם זכות פון אָט דיביידע מינים בלוט וועסט איהר לעבען".

דאָס לעבען!—ווער ווייסט נישט ווי חשוב און טייער דאָס לעבען איז פאר אַלע באַשעפענישען אויף דער וועלט. די גאַנצע באַוועגונג, וואָס געהט אָן אונטער דער זון, אלע קרעפטען און די גאַנצע ענערגיע, וואָס ווערען פארנוצט דורך דער מענשהייט, סיי פאר'ן טאָג־טעגליכען גע־ברויך און סיי פאר דער צוקונפט, איז בלויז צוליעב דעם לעבען, צו ער־מעגליכען דאָס לעבען, צו פארגרינגערען עס און צו פארבעסערען עס.

פאַראַנען אזעלכע, וואָס זיינען גרייט פארקויפען אפילו זייער נשמה, אינגאַנצען דאָס גייסטיגע, וואָס אין זיי, אבי נאָר קענען מעהר און בעסער געניסען פון דעם קערפּערליכען, פון דעם פיזישען לעבען. ווייל אזוי גרויס איז דער נאַטירליכער דראַנג צום לעבען ביי דעם גרעס־טען רוב פון די מענשען, אז קיין זאַך איז פאר זיי ניט צו טייער, און קיין פּרייז איז ניט צו הויך, אבי נאָר דערגרייכען א וואָס גרעסערע מאָס פונ'ם לעבען און וואָס א שעהנערע פאָרם פון דעם.

איין קליינע אויסנאַמע פון אַט דעם כלל איז בלויז געווען דאָס אידישע פאָלק. אמת, אויך ביי די אידען איז דאָס לעבען גאַנץ הויך געשעצט, אָבער דער ב א ג ר י ף פון דעם לעבען איז ביי זיי אַן אנדערער. ביי די אידען הייסט "לעבען" נישט דאָס פשוט'ע, דאָס פ י ז י ש ע לעבען, נאָר דאָס ג י י ס ט י ג ע , דאָס נשמה'דיגע לעבען. אַט פאר ד ע ם מין איז ביי זיי קיין פרייז ניט צו הויך, און קיין זאך ניט צו טייער. ק י י ן זאך ניט, אפילו ניט דאָס לעבען אליין, דאָס פיזישע, הייסט עס. פאר'ן גייסטיגען לעבען איז די מעהר־הייט פון די אידען גרייט זיך צו ענטזאגען פון אלע ערדישע פארגעני־גען, און אפילו פונ'ם גאנצען לעבען. אלעס איז דאָס אידישע פאָלק גרייט צו פארקוקען, א חוץ דאָס גייסטיגע לעבען. פאר ד ע ם איז ער גרייט בוכשטעבליך געהן אין פייער און אין וואסער אום דאָס איינ־האלטען פאר זיך.

עס איז געגוג אַ בלעטער טאָהן די אידישע געשיכטע פון וועל־כער עס איז פעריאָדע אום צו זעהן, ווי שטענדיג איז דער איד גרייט געווען מקריב צו זיין דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע, וואָס דער מענש פארמאָגט, דאָס ל ע ב ע ן , פאר דעם גייסטיגען טייל פון זיין עק־זיסטענץ, פאר דער תורה און מצוות.

און אויב עס איז בכלל ערלויבט צו זוכען ערקלערונגען צו די מצוות פון דער תורה, ווּעלען מיר זיך ערלויבען זאָגען, אז לויט אונזער מיינונג באַדייט די מצוה פון מילה דאָס פאָלגענדע. דער רבונו של עולם, וואָס ווייסט אַלעס פאַר פריהער, האָט געוואוסט אַז דאָס אידישע פאָלק וועט זיך דארפען געגוג אויסשטעהן פאר דער תורה און מצווה, איז בכדי זיי זאָלען זיך צוגעוואוינען צו דער מסירות נפש, וואָס זיי וועלען דארפען באוויזען, און בכדי עס זאָל זיי שפעטער גרינגער זיין אלעס אריבערצוטראָגען, האָט ער דערפאר געהייסען, אז גלייך ווי ביי א אידען ווערט געבוירען א קינד, וואָס דאָס רופט ביי איהם אַרוים די צאַרטסטע און איידעלסטע געפיהלען, די געפיהלען פון גע־טריישאַפט און ליעבע צו זיין שטעלפארטרעטער, אז גלייך דאן זאָל מען דאָס קינד אונטערוואַרפען אונטער דער שווערער אפעראַציע פון מילה, בכדי דערמיט פארשטאַרקען ביים פאָטער דעם כח פון מסירות נפש

פאר אידישקייט, און צוגעוואוינען איהם צום געדאנק, אז קיין זאך דארף ניט זיין צו טייער און צו שווער פאר דער תורה און מצוה. און די זעלבע געדאנקען וועלען אויך באהערשען דאס קינד, ווען ער וועט אונטערוואקסען און זיך דערוויסען וואס מען האט איהם געטהון גלייך ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען.

אבער ווען די אידען זיינען געווען אין מצרים, פאר קבלת התורה, וואס זייער גאנצער אידישער באוואוסטזיין איז באשטאנען בלויז פון אייניגע ניט קלאהרע, פארנעפעלטע קבלות, וואס זיי האבען באקומען בירושה פון זייערע עלטערען, און דערצו איז נאך אויך אט דאס דאזיגע ביסעלע אידישקייט זייערס אבגעשוואכט געווארען דורך דעם שווערען לעבען, וואס זיי האבען דורכגעמאכט אין מצרים, האבען זיי די מצוה פון מילה אינגאנצען פארנאכלעסיגט, חוץ דעם שבט לוי, וועלכער האט זיך בכלל געפונען אין בעסערע אומשטענדען אין מצרים, סיי אין מאטעריעלע און סיי אין גייסטיגע. ווייל ביי דעם צושטאנד, וואס די אידען האבען זיך געפונען אין מצרים, איז ניט מעגליך געווען, אז דער אידעאל פון מסירות נפש פאר אידישקייט זאל ביי זיי קענען געדייהען און זיך אנטוויקלען.

און אפילו דאן, ווען דער רבונו של עולם האט געהייסען משה רבנו ער זאל מל זיין די אידען, אום זיי זאלען האבען כאטש איין מצוה אויסגעלייזט צו ווערען אין איהר זכות, אויך דאן האבען זיך צווישען די אידען געפונען ווייניג בעלנים אויף דעם, ביז גאט האט געהייסען משה'ן מאכען דעם קרבן פסח, וועלכער איז געווען דער סימבאל פון דער אבסאלוטער פרייהייט.

ווי מיר ווייסען זיינען פאראנען אין דער וועלט צוויי מינים פרייהייט. פאראנען פרייהייט, וואס א געוויסע גרופע מענשען נעמט עס אין מאנאפאל בלויז פאר איהר'ט וועגען אליין. דאס הייסט, אז פון דער פרייהייט קענען געניסען בלויז די יעניגע, וואס באלאנגען צו זייער קרייז, וואס האלטען זיך ביי די זעלבע מיינונגען, די זעלבע גלויבונג און אזוי ווייטער, אנדערע אבער זיינען אויסגעשלאסען פון איהר. אט אזא מין פרייהייט קען ניט הייסען קיין אבסאלוטע פרייהייט, און קיין גן עדן ריח פיהלט זיך ניט פון איהר, און עס איז שטענדיג פאראנען

דאָס געפאַהר, אַז אָט דער מין פרייהייט זאָל מיט דער צייט אינגאַנצען בטל ווערען, ווייל די יעניגע, וואָס געניסען ניט פון איהר, זיינען שטענדיג גרייט זי צו באַקעמפּפען און זי פאַרניכטען.

דאַגעגען איז פאַראַנען אַן אַנדער מין פרייהייט, וועלכע פּראָקלאַמירט גלייכע געלעגענהייטען פאַר אַלעמען, אָהן אונטערשיעד. אַלע, הייסט עס, קענען געניסען פון אָט דער פרייהייט, און ניט בלויז א באַשטימטע גרופּע אָדער קלאַס מענשען. אָט אַזאַ מין פרייהייט הייסט די אַבסאָלוטע פרייהייט. די אַבסאָלוטע — אָהן קיינע באַדינגונגען און אָהן יעטווידער באַגרעניצונג. אָט אַזאַ מין פרייהייט מיינט עס די תורה, ווען נאָר זי רעדט וועגען פרייהייט. און דער סימבאָל פון אַזאַ מין פרייהייט איז עס געווען דער קרבן פסח, וואָס די אידען האָבען געמאַכט איידער זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים. ווייל ווען א פערשקלאַפטער פאָלק באַפרייט זיך פון זיינע דריקער, איז דאָס ערשטע פאַרניכטעט ער דעם געצ'ב פון זיינע אַנגרייפער. און ווי מיר ווייסען איז דער שה געווען דער געצ'ב פון די מצריים, דאָס מיינט דער גאָט זייערער, און ווען די אידען האָבען זיך באַפרייט, האָבען זיי געקוילעט דעם שה פאַר א קרבן פסח.

און אָט דאָס מיינט עס דער מדרש, וואָס מיר האָבען דאָ ביים אָנהויב געבראַכט, מיט די ווינטען פון אַלע עקען פון וועלט, וואָס האָבען זיך באַהעפט אין דעם קרבן פסח. עס הייסט, אַז אַלע האָבען גענאָסען פון דער פרייהייט, וואָס דער קרבן פסח האָט מיט זיך סימבאָליזירט, ווייל זי איז געווען די אַבסאָלוטע פרייהייט.

און דאַן, דערצעהלט ווייטער דער מדרש, זיינען אַלע אידען געקומען צו משה רבנו און איהם געבעטען ער זאָל זיי געבען עסען פון זיין קרבן פסח. עס הייסט, אַז אַלע האָבען געוואָלט געניסען פון דער אַבסאָלוטער פרייהייט, וואָס דער קרבן פסח סימבאָליזירט מיט זיך. אָבער גאָט האָט זיי געזאָגט, אַז בלויז די יעניגע, וואָס זענען גע'מל'ט, וואָס האָבען, הייסט עס, ארויסגעוויזען מסירות נפש פאַר אידישקייט, בלויז ז י י קענען געניסען פון אָט דער פרייהייט. דאַן, פאַרענדיגט דער מדרש, האָבען זיך אַלע אידען מל געווען, און דאָס בלוט פונ'ם קרבן פסח האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן בלוט פון מילה. דאָס הייסט, אַז די

אַבּסאָלוטע פרייהייט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער וואונדער־באַרער קראַפט פון מסירות נפש. און גאָט האָט אַלעמען געבּענשט און זיי געזאָגט "בּדמיך חיי", מיט אָט די צוויי מינים בּלוט וועט איהר לעבּען. עס הייסט, אַז דאָס אמת'ע לעבּען בּאַשטעהט פון מסירות נפש פאַר הויכע אידעאַלען און אַבּסאָלוטע פרייהייט פאַר אַלעמען, אָהן אויסנאַמע.

בּשלח.

זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים מבית עבדים.
והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה עשה ד' לי
בצאתי ממצרים.

די תורה זאָגט אָן יעדען אידען ער זאָל שטענדיג געדיינקען דעם טאָג, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז בּאַפרייט געוואָרען פון זיין קנעכטשאַפט אין מצרים, און ער זאָל אויך זיינע קינדער דערצעהלען וואָס פאַר א נסים גאָט האָט געטהון די אידען, ווען זיי זענען פון מצרים אַרויסגעגאַנגען.

ניט אומזיסט האָט מען אונז געזאָגט "וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח", אַז וואָס מעהר מען רעדט און מען דערצעהלט וועגען יציאת מצרים איז אַלץ בּעסער. ווייל חוץ דעם וואָס א גאַנץ פאָלק טאָר אויך ניט, פּונקט ווי אַן איינצעלנער מענש, זיין קיין כפוי טובה, טאָר ניט פאַרגעסען דאָס גוטס, וואָס איז איהם געטהון געוואָרען, נאָר ער דאַרף שטענדיג געדיינקען און דערמאָנען מיט דאַנקבּאַרקייט צו גאָט, — חוץ דעם אַלעמען דינט אונז דער ענין פון יציאת מצרים אַלס א גוט מיטעל צו שטאַרקען אונזער מוטה און צו הויבּען אונזערע האָפנונגען, אין די ערגסטע צייטען, וואָס אונז קומט אויס אדורכצוּ־מאַכען. ווייל יעדער מאָהל, וואָס דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך אין אַן אומגליק, און עס ווייזט זיך אויס, אַז אַלעס איז שוין פאַר איהם פאַרלוירען, דאַן דאַרף ער בּלויז זיך דערמאָנען אין יציאת מצרים, און

זיינע האַפנונגען ווערען צוריק אויפגעלעבט, ווייל ער זעהט ווי דער רבונו של עולם וואַכט איבער זיין פאָלק ישראל און באַווייזט איהם אזוינע נסים, וואָס זענען געגען אַלע געזעצען פון דער נאַטור. און ווירקליך.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ מענשען וועלכער האָט פארבלאָנדזשעט אין אַן אָרט, וואו ער איז אין זיין לעבען ניט געווען, און זוכענדיג א וועג זיך פון דאָרטען ארויסצובאַקומען, האָט ער אָנגעטראָפען א ברייטען טייך, וועלכען ער קען ניט אריבערגעהן, און ער מוז זיך אומקעהרען צוריק צום זעלבען פלאַץ, פון וואנען ער האָט אָנגעפאנגען זיין פארזוך ארויסצוקומען אויף א פרייען וועג. עס פארשטעהט זיך, אז קיין איבריג איינגענומענע זאַך איז עס ניט, ווען א מענש זעהט, אז זיין גאַנצע מיה און צייט, וואָס ער האָט פארוועדעט אויף א געוויסער זאַך, האָט איהם קיינע נוצען ניט געבראַכט. אָבער קיין לעבענס-געפאַהר שטעקט ניט חלילה אין דעם, און אויך פארצווייפלען דאַרף ער נאָך ניט, ווייל עס קען פונקט געמאָלט זיין, אז קומענדיג צוריק צום אויסגאַנגס-פונקט און פרובענדיג זיין גליק אין דער געגענגעזעצטער זייט, וועט זיך איהם גלייך איינגעבען ארויסצוקומען אויפ'ן נויטיגען שליאַד און קומען צו זיין געוואונשטען אָרט.

אָדער לאָמיר זיך פאָרשטעלען א מענשען, וועלכער געהט אליין אין פעלד און א גזלן האָט איהם אָנגעיאָגט און וויל איהם דער'הרג'נען. קיין איינגענומענע סיטואַציע איז עס געוויס ניט, אָבער פארלירען זיך אינגאַנצען און אויפגעבען אַלע האָפנונגען דאַרף נאָך דער מענש אלץ ניט. ווייל עס איז גאַנץ מעגליך, אז מיט איין געלונגענעם צוג זאָל זיך איהם איינגעבען אויף א ווײַלע אָפּשטופען דעם מערדער, און אויסנוצענדיג דעם מאָמענט זאָל זיך איהם איינגעבען צו אַנטלויפען און זיך ראטעווען פון דעם אומגליק. און אפילו ווען עס טרעפט, אז אַנטלויפענדיג פון א מערדער טרעפט מען נאָך אָן אויף א זומפּ, אָדער א טיפען טייך, וועלכען מען קאָן ניט אַריבערשפּאַנען, איז נאָך אַלץ די האָפנונג ניט פארלוירען. ווייל חוץ דעם וואָס פון הינטער איהם לויפט נאָך א מערדער, און פאַראויס, באַגעגענט ער אַ זומפּ אָדער אַ טייך, וואָס פארשטעלט פאַר איהם דעם וועג — זענען פאַראַנען נאָך צוויי זייטען, וואוהין דער

מענש קען זיך פאַרקירעווען און זוכען זיין רעטונג, און טאַקע געפינען אויך.

אנדערש איז אָבער ווען א מענש געפינט זיך אין א לאגע, ווען פון אַלע פיער זייטען שטראַמט איהם אַנטקעגען אומגליקען. ווען, למשל, פון אונטען יאָגט זיך נאָך איהם אַ מערדער, פון פאָרענט — אַ טיעפער זומפּ אָדער א ברייטער וואַסער, וועלכען ער קען ניט אריבערשפּרייזען, און פוןביידע זייטען קומען אָן ווילדע חיות גרייט איהם איינצושלינגען. דאַן קען, פארשטעהט זיך, אויף קיין נאַטירליכען וועג פאר איהם קיין רעטונג איינגאַנצען ניט געמאָלט זיין. עס איז נאַר א פראגע פון וועל־כער זייט דער טויט וועט צו איהם פריהער קומען: צי וועט דער מער־דער זיין דער ערשטער, וואָס וועט איהם מיט זיין שווערד דעם קאָפּ ארונטערהאַקען, צי די ווילדע חיות וועלען די ערשטע זייערע שאַרפע ציינער אין זיין קערפּער אריינשטעקען, צי פאר גרויס פארצווייפ־לונג וועט ער גאָר גלייך אין דעם טיעפען וואַסער אַריינשפּרונגען און דאָרט זיין לעבען פארלירען.

ווען עס פּאַסירט אָבער, אז ניט איינער פון די פיער דערמאָנטע זיכערע טויטען האָט ווירקליך פּלאַץ געפונען, נאָר דער ברייטער טייך האָט זיך פּלוצים צושפּאָלטען און געלאָזט א טרוקענעם וועג פאר דעם געיאָגטען און אַנטלויפענדען מענשען, דאַן מוז מען אָננעמען, אז דער מענש, צו וועמען אָט דער וואונדער האָט פּאַסירט, איז ניט קיין גע־וועהנליכער מענש, נאָר עפּעס א הייליגער, אַ אויסערגעוועהנליכער מענש, צוליעב וועמען די נאַטור איז געענדערט געוואָרען אויף אַן אופן, וואָס קיינער האָט אפילו ניט געקענט ערווארטען.

אָט אַזאַ אויסערגעוועהנליכע, איבער נאַטירליכע ערשיינונג זעהען מיר ביי יציאת מצרים. פון אונטען האָבען זיך נאָך די ארויס־געהענדיגע אידען געיאָגט די שטאַרק־באַוואָפענטע מצרים׳שע לעגיאָ־נען. פון פאָרענט — האָבען זיי געהאַט דעם טיעפען ים, וואָס אפילו אויף זייער געדאַנק האָט ניט געקענט קומען, אז דאָ ארום קענען זיי זיך ראַטעווען, און פון ביידע זייטען האָבען זיי געהאַט די וויסטע מדבר מיט ווילדע חיות. און געשעהן איז דוקא דאָס דאָזיגע, אויף וועלכען זיי האָבען אמווייניגסטענס געקענט אויסשטעלען — דער ים

האָט זיך פאַר זיי געשפּאָלטען און זיי זענען אַריבער אומגעשטערט און אומבאַשעדיגט, א זאך, וואָס זינט די וועלט שטעהט האָט אזוינס ניט פּאַסירט.

אָבער דער נס פון יציאת מצרים איז ניט קיין איינציגער אין אונזער געשיכטע. ווי מיר זאָגען אין דער הגדה, "שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקב"ה מצילנו מידם". ניט איינמאָהל, הייסט עס, האָט געטראָפען, אז די אידישע שונאים האָבען פארצויגען די פּעטליע איבער'ן האלז פון דעם אידישען פאָלק און האָבען געדיינקט, אז מעהר וועט ער זיך שוין פון זייערע הענט ניט ארויסדרעהען. אָבער יעדעס מאָהל איז געשעהן אזוינס, וואָס ניט זיי, און אפילו ניט דאָס אידישע פאָלק אליין, האָבען געקענט זיך אויף דעם ריכטען, און דאָס אידישע פאָלק איז צוריק שטעהן-געבליבען אויף זיינע פיס, און אָפט מאָהל נאָך מעהר געשטאַרקט פון די איבערגעלעבטע צרות, פונקט ווי אייזען קומט ארויס געשטאַרקט נאָך דעם, וואָס עס ווערט דורכגע-גליהט אין פייער.

און אָט דערפאַר האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט: "זכור את היום אשר יצאתם ממצרים" און "והגדת לבנך ביום ההוא", דאָס הייסט, אז מיר דארפען א ל י י ן שטענדיג געדיינקען די איבער-נאַטירליכע וואונדער, וואָס גאָט האָט אונז געטהון ביי יציאת מצרים, און אויך אונזערע קינדער דערצעהלען וועגען דעם. ווייל דאָס ווייזט אונז, אז ווי קריטיש אונזער לאגע זאָל ניט זיין דארפען מיר די האָפנונג ניט פארלירען, ווייל ווי דער נביא (מיכה ז') האָט געזאָגט: "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", פונקט ווי ביי יציאת מצרים איז גאָט שטענדיג גרייט העלפען זיין פאָלק ישראל, און ער העלפט איהם טאַקע, אין אן אויסערגעוועהנליכען, איבערנאַטירליכען וועג.

יתרו.

ויהי קולות וברקים וענן כבד על ההר וקול שופר חזק מאד.
והר סיני עשן כלו מפני אשר ירד עליו ד׳ באש.

ווען די אידען, הייסט עס, זענען געשטאַנען ארום באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט געדונערט און געבליצט, דער באַרג האָט געטרויכערט, ווייל גאָט איז אַהין אַראָפּגעקומען מיט פייער.

ווען מיר נעהמען די אידישע געשיכטע אין די הענט אריין און ווילען פון איהם אַרויסלעזען וואָס פון איין זייט, האָט דאָס אידישע פאָלק איבערגעלעבט און אַנגעליטען זיך פאַר זיין לאנגען גלות-לעבען, און, פון דער צווייטער זייט, וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק אויפגעטהון און געשאַפען פאַר אָט דער זעלבער צייט, בלייבען מיר שטעהען פאַר-גאַפט און גלויבען ניט אונזערע אייגענע אויגען.

ווי אַ ריזיגער טורעם, וועלכער פארטונקעלט מיט זיין אויסזעהן אַלעס, וואָס ארום איהם, טרעט פאַר אונז אויף, פון איין זייט, די אי-דישע מאַרטירעלאָגיע פאַר די לעצטע אַכצעהן מיט א האַלבען הונדערט יאָהר. ניט איינער פון די פעלקער, וועלכע עקזיסטירען יעצט אויף דער וועלט, אָדער וואָס האָבען פריהער ווען אַמאָהל עקזיסטירט, האָ-בען ניט אזוינס צו פארצייכענען אין זייער געשיכטע. די ליידען און פיין, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז זיך אויסגעשטאַנען אין זיין לאנגען גלות, זענען פון אזאַ פאַרנעם, זענען אזוי גרוים און אזוי טיעף, אז עס גלויבט זיך ממש ניט, אז מענשען, פשוט׳ע בשר ודם׳ס, זאָלען אומ-שטאַנד זיין אזוינס אריבער צוטראָגען און ארויס דערצו אומבאַשעדיגט.

אָבער נאָך גרעסער פאַר דער אידישער מאַרטירעלאָגיע וואַקסט פאַר אונזערע אויגען אוים דאָס גייסטיגע אידישע שאַפען פאַר אָט דער זעלבע פעריאָדע.

אין דער צייט וואָס מיר ווייסען, אז אלע אנדערע פעלקער האָ-בען געשאַפען זייערע גייסטיגע ווערטהען בלויז אין די צייטען פון פאָל-שטענדיגע פרידען און מאַטעריעלער פראָספּעריטי, און ווען נאָר עס איז זיי אויסגעקומען איבערצולעבען עטוואָס אַ אומנאָרמאַלע צייט, איז

זייער גייסטיגער קוואל גלייך אויסגעטרוקענט און האָט מעהר ניט גע־קענט פּראָדוצירען, באַמערקען מיר ביי דעם אידישען פאָלק א פאַר־קעהרטע טענדענץ. ז י י נ ע בעסטע און אָריגינעלסטע דענקער האָבען זיך באַוויזען דוקא אין די ערגסטע צייטען פון זיין געשיכטע, און די בעסטע גייסטיגע שאַפונגען זיינע זענען אַ פּראָדוקט דוקא פון אָט די אָנגעוויזענע שלעכטע צייטען.

שטעהענדיג איבער'ן האלז אין שטורעמדיגע וואסערען, וועלכע האָבען געשטראָמט אויף איהם פון אַלע זייטען, האָט דאָס אידישע פאָלק ביי זיינע פּיס געלעגט די פונדאַמענטען פון א הויכער גייסטיגער קולטור און זי ארויפגעבויעט ביז צו אַזאַ הויך, אַז זי האָט שוין אפילו פאַר די שטאַרקסטע כוואַליעס קיין מורא ניט געהאַט. ליגענדיג גע־בונדען הענט און פיס אויף די שויטער־הויפענס, וואו די פייער־צונגען האָבען איהם געלעקט פון מזרח און מערב, דרום און צפון, האָט דאָס אידישע פאָלק פאַרטגעזעצט לערנען זיין תורה. די פלאַמען פייער האָ־בען בלויז פארניכטעט די שטריק, מיט וועלכע ער איז געוועזן געבונ־דען, צוזאמען מיט די יעניגע, וואָס האָבען די שטריק אויף איהם ארויפ־געטהון און ער אליין אין ארויס פון דעם פייער נאָך מעהר געשטאַרקט און געפעסטיגט.

מיט אן אייזערנעם געדולד און מיט א וואונדערבארער אויסגע־האַלטענקייט האָט דאָס אידישע פאָלק, אין די פינסטערסטע צייטען פון זיין געשיכטע, געשאַפען דעם תלמוד, די מדרשים, די גאונישע לי־טעראַטור, מוסר, קבלה און חסידישע ספרים, אַלעם דאָס, דורך וועלכען דער אידישער גייסט האָט זיך אַנטפלעקט אין זיינע פארשיעדענע אַנט־וויקלונגס־פאַזען.

אָבער אויב פאַר עמיצען איז עס א וואונדער, איז עס גאַנץ קלאָהר פאַר אונז א ל י י ן. מיר ווייסען פארוואָס עס איז אזוי.

נאָך מיט אַכצעהן הונדערט יאָהר צוריק האָט עס ערקלעהרט דער גרויסער און הייליגער תנא רבי עקיבא צו איינעם, וואָס האָט איהם געפרעגט — ווי אזוי ער האָט ניט קיין מורא לערנען תורה ביי גרויסע פאַרזאַמלונגען, אין דער צייט, וואָס די דאַמאָלסדיגע רוימישע הערשער אין ארץ ישראל האָבען עס שטרענג פארבאָטען. רבי עקיבא

האָט איהם דאָן דערצעהלט א משל, פון וועלכען ער האָט איהם ארויס־געדרונגען, אז דאָס אידישע פאָלק אָהן תורה איז פונקט ווי א פיש אָהן וואַסער, ווייל די גאנצע אידישע עקזיסטענץ היינגט אָפּ בלויז אין לערנען תורה און אין מקיים זיין די מצוות.

און אָט דאָס ערקלעהרט דעם סוד פון דעם פיבערהאַפטען און קאָלאָסאַלען אידישען גייסטיגען שאַפען אין די ערגסטע צייטען אין זייער געשיכטע. טאַקע דאַן ווען דאָס אידישע לעבען איז געווען הפקר, ווען יעדער טאָג האָט זיי געבראַכט פרישע צרות און גזירות, דאמאָלס טאַקע האָבען זיי זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגען צו דער פּאָזיציע, וואו זיי האָבען זיך געפיהלט אמזיכערסטען, ווייל דאָרט שלאָגט דער קוואַל, פון וואַנען זיי שעפען זייער לעבענס-קראַפט. זיי האָבען זיך קאָנצענטרירט אין די "ד' אמות של הלכה" אין דעם שמאָלען און איינ־גען בית המדרש ווינקעלע, וועלכער האָט פאר זיי געמיינט די שטאַרקסטע פעסטונג געגען אלע פיילען און קוילען, וואָס זענען אין זיי געשליידערט געוואָרען פון אלע זייטען.

און אָט יעצט וועלען מיר פאַרשטעהן פאַרוואָס גאָט האָט די אידען געגעבען די תורה מיט דונערען און בליצען, מיט רויך און פייער. דאָס איז אן אָנווייזונג, אז ניט נאָר אין נאָרמאַלע צייטען דאַרף, און וועט, די תורה געלערענט און געהיט ווערען, נאָר אפילו דאַן, ווען עס דונערט און עס בליצט איבער די אידישע קעפּ, אפילו ווען וואָלקענס רויך שטיקען זיי און פלאַמען פייער בריהען זייערע קערפּערס, אויך דאַן זאָלען, און וועלען ניט די אידען אנטלויפען אינ'ם לאגער פון די שונאים, וואו זיי קענען פילייכט ערוואַרטען עפּעס בעסערס. אדרבא! די לייד־ען און פּיין שטאַרקען ערשט זייער אויסדויער און זייער ענטשלאָסענ־קייט פאָרטצוזעצען געהן אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג, אינ'ם וועג פון תורה און מצוות, ווי עס פּאַסט פאר דעם עם סגולה, פאר דעם פאָלק, וואָס איז אזוי באַליעבט ביי דעם וואָס לעבט אייביג.

משפטים.

שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ד׳.

די הייליגע תורה האָט פאַרזאָגט, אַז יעדער איד איז מחויב געהן דריי מאָהל אין יאָהר קיין ירושלים, זיך ווייזען פאַר גאָט און אָננעהמען זיך דאָרט מיט דער געטליכער השפעה.

ווי אַ געטרייע מוטער פאָלגט נאָך יעדען שריט פון איהר ליעב קינד און זעהט איהם אויסהיטען פון יעדער געפאהר, אזוי געהט די הייליגע תורה נאָך יעדען אידישען יחיד, ווי אויך דעם גאנצען כלל, און פיהרט איהם אויף דעם וועג, וועלכער באַצוועקט בלויז זיין טובה, און לאָזט איהם ניט פאַרבלאָנדזשען אויף קיין זייטיגע, ניט ריכטיגע, ווע־גען.

אָט איז דאָס אידישע פאָלק אָנגעקומען אין זיין הייליגען לאַנד. נאָך פיעלע-לאַנג-דויערענדע, מלחמות האָט זיך איהם אָם ענדע איינ־געגעבען צו ערוואָרבען דאָס לאַנד און דאָס פאַרנאַנדער טיילען צווישען די שבטים, פאַמיליעס און יחידים.

ווי מיר ווייסען פון דער געשיכטע איז דאָס געזעלשאַפטליכע לע־בען אין יענער צייט ניט געווען נאָך איינגעאָרדענט אויף אַ צופרידענ־שטעלענדען אופן, ווי מיר פאַרשטעהען עס יעצט. ניט נאָר איז ניט גע־ווען קיין פעסטער צוזאמען-בונד צווישען די פאַרשידענע אידישע שבטים, נאָר אפילו די איינצעלנע, די יחידים, זענען זיך געגאַנגען יע־דער אין זיין אייגענעם וועג און ניט געפיהלט קיין פאַראַנטוואָרטליכ־קייט איינער פאַר׳ן צווייטען און אלע פאַר׳ן כלל. ווי דער תנ״ך מערקט עס אָן אין געצעהלטע ווערטער: ״איש כל הישר בעיניו יעשה״. יעדער איינער האָט נאָר געטהון דאָס, וואָס האָט זיך איהם ז ע ל ב ס ט אויסגעוויזען פאַר גוט, און ניט דאָס, וואָס קען אויך נוצען בריינגען אַ צווייטען, אָדער דעם כלל.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ביי אזא מין צושטאַנד, ווען יעדער יחיד איז זיך געווען אַ וועלט פאַר זיך אליין, איז ענטשטאַנען די געפאהר, אַז די צאן קדשים, ווי די נביאים רופען אָן די אידען, די הייליגע שעפעלאַך,

זאָלען צוזיהען און צושפּרייט ווערען, זיך צולויפען אויף קרומע וועגען און פאַרדרעהטע סטעטשקעס, אונטער דער ווירקונג פון זייער אייגענער אומוויסענקייט און פון פאַלשע פיהרער, פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען בלויז געזוכט אריינצוכאַפּען אין זייער נעץ די עלענדע נשמות, וואָס האָבען ניט קיין גייסטיגען אָנשפּאַר אין לעבען און קיין בשותפות'דיגע נשמה'דיגע אינטערעסען מיט זייערע מיט-ברידער. און אַט צוליעב דעם האָט עס די תורה ארויפגעלעגט א חוב אויף יעדען אידען ער זאָל עולה רגל זיין דריי מאָהל אין יאָהר קיין ירושלים. ערשטענס, וועט ער דאַן האָבען דאָס געלעגענהייט צו קומען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט אנדערע טויזענטער און טויזענטער אזוינע יחידים ווי ער, זיך צוזאַמענלעבען אין משך פון דעם יום טוב מיט זיי, זיך באַהעפטען מיט זיי, און צוזאַמען פאָרמירען אָט דעם שטאַרקען אָרגאַניזם, וועלכען מיר רופען מיט'ן נאָמען "פאָלק", זיך פיהלען אלס א טהייל פון א גרויסען קבוץ, פון א מעכטיגען כלל, און ניט ווי אַן איינצעלנע שטויב אינ'ם ברויזענדען ים פון לעבען. צווייטענס — וועט ער פאַר דער צייט אויך האָבען דאָס מעגליכקייט איינצוזאַפּען אין זיך, מיט דער הילף פון די כהנים און אמת'ע נביאים אין ירושלים, דאָס געטליכע וואָרט, שטאַרקען זיין גייסט מיט זייערע טרייסט-רייד, און עס מיטנעמען מיט זיך אויך אויף דער אָפּגעזונדערטער פאַרם, וואו עס קומט איהם אוים אין איינזאַמקייט צו פאַרברייגגען זיינע טעג און נעכט, און אויך דאָרט זיך פיהלען ווי אַן אבר פון אַן נאָרמאַלען נאַציאָנאַלען קערפּער, און איינאָרדנען זיין לעבען לויט די געבאָטען פון דער תורה, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון ירושלים.

און פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ ארומגערעדט וועט אונז קלאָהר ווערען פאַרוואָס איז אזוי שטאַרק געפאַלען דאָס רעליגיעזע לעבען דאָ ביי אונז אין לאנד, און פאַרוואָס עס הערשט דאָ אַזאַ גרויסע הפקרות אפילו אין באַצוג צו אזוינע וויכטיגע רעליגיעזע ווערטהען, ווי: שבת, כשרות, טהרת המשפחה, קינדער ערציהונג און דאָס גלייכען. עס נעמט זיך דערפון, וואָס ניט נאָר איז דאָס אידישע לעבען דאָ ניט אָרגאַניזירט אין אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, דאָס הייסט — עס עקזיסטירט ניט קיין צוזאַמענבונד צווישען די אידישע געמיינדעס איבער

גאנץ אַמעריקע, נאָר אפילו אין די אייצעלנע שטעדט, חוץ קליינע אויס־נאַהמען, איז אויך ניטאָ קיין אָרגאַניזירטער אידישער געזעלשאַפטליכער אָרגאַן, וועלכער זאָל אָנפיהרען און קאָנטראָלירען דאָס גאַנצע אידישע רעליגיעזע לעבען. יעדער גרופּע אידען, יעדער שוהל־געמיינדע, איז זיך ווי א באַזונדער וועלט פאַר זיך, און האָט ניט קיין שום געמיינשאַפטלי־כעס, קיין שום באַריהרונגס־פּונקטען, מיט די איבריגע שוהל־געמיינ־דעס. און דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין אחדות, מוז זיין כאאָס, דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט פון איינעם פאַר'ן צוויי־טען און פון אלע פאַר'ן כלל, דאָרט קען קיין נאָרמאַל אידיש לעבען גאָר־ניט זיין במציאות, און אלעס איז דארום פארקריפּעלט און קיין טאָלק איז נישטאָ.

עס וואָלט שוין לאנג דארום צייט געווען, אז די, וואָס שטעהן אין דער שפּיץ פון אונזערע פאראיינצעלטע געמיינדעס און שוהלען, זאָלען סוף כל סוף דורכגעדרונגען ווערען פון דער נויטווענדיגקייט פון אחדות אויפ'ן געביעט פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען דאָ אין לאנד, און דאן וואָלט זיי גאָרנישט שווער געווען בייצוקומען די שוועריגקיי־טען, וואָס ליגען אין וועג פון א פאָלקאָמענער פאראייניגונג, און וואו נאָר אַ באַדייטענדער אידישער קבוץ עקזיסטירט זאָלען געגרינדעט ווע־רען "ועדי העיר", שטאָטישער קאָמיטעטען, וועלכע זאָלען אָנפיהרען מיט אלע רעליגיעזע אָנגעלעגענהייטען אין שטאָט, און ניט אָנהאַלטען דאָס צושפּליטערטקייט, וואָס עקזיסטירט יעצט. און וואָס גיכער זיי וועלען עס טהון — בעסער וועט עס זיין פאר אונזער אידישקייט אין אַמעריקע.

משפטים.

— ב —

אם כסף תלוה את עמי את העני עמך.

ת"ר בשלשה דברים גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה.
צדקה לעניים, גמילות חסדים בין לעניים בין לעשירים.
(סוכה מ"ט ע"ב.)

אין דער אלטער היים איז געווען אין יעדער שטאָט און שטעדטעל אַ גמילות חסד, און יעדער נויטה-באַדערפטיגער, אַ אָרימער צו אַ רייכער, האָט געקראָגען לייהען, נאָך די פינאַנציעלע אומשטענדען פון גמילות חסד. די גרויסע באַריהמטע אידישע ווילנאַ, איז אויך געווען באַוואוסט מיט איהרע פאַרשיעדענע גמילות חסדים אַלגעמיינע שטאָדטישע. אויך יעדע שוהל באַזונדער האָט געהאט איהר גמילות חסד. שבת פרשה משפטים איז ספּעציעל געווען געווידמעט פאַר די פאַרשיעדענע גמילות חסדים חברות, דורך אויפרופען צו דער תורה יעדען מעמבער פון שוהל. יעדער וואָס האָט עולה לתורה געווען פלעגט מנדב זיין כפי כחו פאַר דעם גמילות חסד. נאָכ'ן דאַוונען האָט מען געגעבען אַ קידוש, און שבת צו נאַכט פלעגט געגעבען ווערען אַ ראַפּאָרט, וואָס דער גמילות חסד האָט אויפגעטהון (הכנסה והוצאה) אין פערגאנגענעם יאָהר.

דער באַריהמטער ווילנער גמילות חסד פון דער גרינדערין אסתר דבורה, וועלכע האָט געגרינדעט דעם גמילות חסד בלויז פון איינצעלנע קאָפּיקעס, ביז עס האָט דערגרייכט צו פיעלע טויזענדער רובעלס, גאַנץ ווילנאַ איז געגאנגען צו איהר לויה, ווען זי איז נפטר געוואָרען אין ווינטער פון דעם יאָהר תרס"ח, און מ'האָט איהר פיעל כבוד געגעבען.

אָט די שעהנע מדה פון גמילות חסדים, האָבען איבער גענומען אונזערע ברידער און שוועסטער אויך דאָ אין אַמעריקאַ, און עס איז ווערט צו דערמאָנען לשבח און ברכה די "ליידיעס סאָסייעטי גמילות חסדים", פון דעטרויט, מישיגען, וועלכע האָלט אָפּ איהרע פערזאמלונ-

גען און איהרע טעהטיגקייטען, אין דער "בית תפלה-עמנואל שוהל", טיילאָר און ווילסאָן עוועניוס.

דיזער גמילות חסד טהוט זעהר פיעל גוטעס. מען פארלייהט געלד, ווער עס ווענדעט זיך נאָך א הלואה, און פילע ווערען געהאָלפען דורך דעם. זאָלען זיי געבענשט ווערען פון גאָט. אלע וועלכע זיינען טעהטיג אויפצוהאלטען דעם נוצליכען אינסטיטושאָן גמילות חסד.

תרומה.

מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי.

דער רבונו של עולם, הייסט עס, האָט אָנגעזאָגט די אידען, אז יעדער איינער, וואָס האָט נאָר גאָט אין הארצען, זאָל ברייננגען זיין נדבה.

פאַראַנען אַ מדרש, וועלכער ווערט געבראַכט אין ספר "כתב סופר", "למה נסמכה פ' תרומה לפ' משפטים? הה"ד: עשיתי משפט וצדק". עס הייסט: דערפאַר קומט די פרשה תרומה גלייך נאָך דער פרשה משפטים, ווייל דוד המלך האָט געזאָגט, אז אַ מענש איז מחויב אי זיין אָרענטליך און אי טהון צדקה, און אין משפטים רעדט זיך וועגען אָרענטליכקייט און אין תרומה וועגען צדקה געבען.

ווען מיר קוקען זיך צו צו דער אויפפיהרונג פון מענשען, זעהן מיר, אז עס זענען דאָ אין דער וועלט אזוינע מענשען, וואָס זייער הארץ פיהלט שטענדיג מיט דעם אָרימען און דעם אומגליקליכען, זייער האַנט איז אימער אָפען פאַר יעדען איינעם, וואָס נויטיגט זיך אין זייער הילף, און ווער נאָר עס ווענדעט זיך צו זיי נאָך עפּעס א טובה, געהט ניט אַוועק מיט ליידיגען. דערפאַר אָבער זענען זיי אין זייער האַנדעל-וואַנדעל מיט מענשען הארט ווי אַ שטיין און טרוקען ווי א ביין. ניט נאָר וועלען זיי ניט לאָזען, אז זייערם עפּעס זאָל איבערגעהן, נאָר זיי שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום פאלשקייט אפילו, אבי נאָר געלט

מאכען. זיי זענען אימער גרייט מאכען פון יאָ — נייז, און פון נייז — יאָ, אָפּנאַרען יענעם, באַ'עולה'נען און באַ'גזל'ענען, אבי עס זאָל זיי עפּעס דערפון ארויסקומען.

דאַגעגען זענען פאראנען אנדערע מענשען, וואָס אין זייער האנדלען מיט מענשען זענען זיי קאָרעקט ביז גאָר; זייערם אַ וואָרט איז הייליג, ווי, להבדיל, תורת משה; אונטער קיינע אומשטענדען וועלען זיי זיך ניט ערלויבען נהנה זיין פון דעם, וואָס באַלאנגט צו אנדערע; זענען שטענדיג גרייט נאָכצולאָזען פון זייערע, אבי קיינער זאָל חלילה ניט קענען האָבען צו זיי קיין טענות. ווען עס קומט אָבער צו צדקה געבען, צו רחמנות האָבען אויף אָרימע און נויטבאדערפטיגע, זיינען זייערע אויערען פארשטאָפּט און זייערע הערצער ווי פארשלאָסען אויף זיבען ריגלען, און ניט דאָס קרעכצען און זיפצען פון די געקריוודעטע, און ניט אפילו זייערע הייסע טרעהרען, קענען זיי עפענען. דאָס שטילע און גוטמוטיגע שעפּסעלע, וואָס זיי פּערזאָניפיצירען אין זייער משא ומתן, אין זייער האנדעל-וואנדעל, מיט מענשען, ווערט פארוואנדעלט אין אן אומ'ברחמנות'דיגען וואָלף, ווען עס קומט צו צדקה אנגעלעגענ-הייטען, צו העלפען די פון גאָט געשטראָפטע.

עס פארשטעהט זיך, אז ניט די ערשטע קאַטעגאָריע מענשען, וואָס מיר האָבען דאָ דערמאָנט, און ניט די צווייטע, זענען וווינשענס-ווערטע מיטגלידער אין דער מענשליכער געזעלשאפט. מענשען מיט אַזעלכע צווייענדיגע, אַנטקעגענגעזעצטע, אייגענשאַפטע, געהען ארונ-טער אונטער דער טערמין "יצא שכרו בהפסדו". די גוטע מדה, וואָס יעדער פון זיי פארמאָגט, ווערט פארטונקעלט און אויסגעוועפּט דורך דער צווייטער, שלעכטער מדה, וואָס זיי באַזיצען. "תמים תהיה עם ד' אלקיך", האָט אונז די תורה געזאָגט.. מען דארף זיין אַ גאַנצער מענש, און ניט קיין האַלבער. אינגאַנצען פאר גאָט, און ניט בלויז איין העלפט, און די צווייטע פאר'ן טייפעל.

און אָט דאָס מיינט עס דער מדרש, וואָס מיר האָבען דאָ גע-בראַכט אין אָנהויב, אז די פרשה תרומה קומט גלייך נאָך דער פרשה משפטים אויף צו ווייזען, אז דער מענש דארף זיין אי אָרענליך אין זיין פארקעהר מיט מענשען, אין האנדעל, מלאכה און דאָס גלייכען. אי

גוטהערציג אין באצוג צו די יעניגע, וואָס נויטיגען זיך אין זיין הילף, איינס אָהן דעם צווייטען איז ווי א גוף אָהן א נשמה, אָדער ווי א נשמה אָהן א גוף.

אמת, אז לויט׳ן סדר קומט די פרשה משפטים צוערשט, דאָס הייסט, אז פ א ר אלעמען דארף דער מענש זעהן צו זיין אָרענטליך אין זיין האַנדעל מיט אנדערע, ניט אָפּנאַרען, ניט אוועקנעהמען יע־נעמס, האַלטען וואָרט און דאָס גלייכען, ווייל אמת און דין זענען פון די זאכען, וואָס די וועלט שטעהט אויף זיי. ער דארף אָבער ניט פאר־געסען, אז גלייך נאָך משפטים, נאָך אָרענטליכקייט, קומט תרומה, האָ־בען אַ גוט הארץ און טהון צדקה צו די, וואָס נויטיגען זיך אין דעם. און אויב אויסמעקען, חלילה, איין אות פון דער תורה איז א גרויסע זינד, אַ פשיטא שוין אַ גאַנצע פרשה פון דער תורה. הה״ד עשיתי משפט וצדק. אַ מענש דארף זיין ביידע, אָרענטליך און אַ בעל צדקה.

תצוה.

ויקחו אליך שמן זית זך.

די תורה האָט אָנגעזאָגט די אידען, אז פאר דער מנורה, וואָס זיי וועלען אָנצינדען אין משכן, זאָלען זיי נעמען דעם ריינסטען אויל־בירטען בוימעל. אונזערע חכמים זאָגען אויף דעם: ״הראשון למנורה״. דאָס הייסט — בלויז דער ערשטער טראָפּען בוימעל, וואָס ווערט ארויס־געקוועטשט פון דער פרוכט, איז כשר פאר דער מנורה.

לויט מיר אידען גלויבען, און זענען אין דעם טיעף איבערצייגט, היינגט אָפּ די גאנצע עקזיסטענץ פון דער וועלט, ווי אויך איהר גליק און פרידען, בלויז פון דעם ריכטיגען ערפילען די געטליכע געזעצען פון דער תורה און דאָס אויפפיהרען זיך לויט איהרע הייליגע געבאָטען. ווי משה רבנו האָט געזאָגט: ״כי היא חייך וארך ימיך״. בלויז דורך דעם מקיים זיין ריכטיג די תורה מיט די מצוות, הייסט עס, קענט איהר מאַריך ימים זיין און לעבען גליקליך און צופרידען.

און ניט בלויז מצד האמונה איז עס אזוי, נאָר אפילו מצד השכל. ווייל די געזעצען פון די תורה און אלע איהרע געבאָטען זיינען באזירט אויף דער אבסאָלוטער גערעכטיגקייט, אויף רחמנות אין באצוג צו די ליידענדע און אונטערדריקטע, און ווייל די פארפלאָנטערסטע סאָציאלע פראָבלעמען געפינען אין איהר זייער פולסטע לייזונג אויפ׳ן סאמע צו־פרידענשטעלענסטען אופן.

צום באדויערען אָבער האלטען מיר נאָך ניט דערביי, אז אלע זאָ־לען זייער גאנצען לעבענסשטייגער אוועקשטעלען לויט די געזעצען און געבאָטען פון אונזער הייליגער תורה.

ניט נאָר די יעניגע, וואָס האָבען זיך, רחמנא ליצלן, אינגאנצען אָפגעטרייסעלט פון תורה מיט מצוות, נאָר אפילו א סך פון די דאָזיגע וואָס האלטען זיך י אָ ביי אונזער טראדיציאָנעלער אידישקייט, אויך ז י י לעבען ניט קיין פאָלקאָמען אידישען לעבען, ווי אונזער תורה פאָדערט עס.

ווייל ווען מיר קוקען זיך צו נעהענטער צום אויפפיהרונג פון אונ־זערע אזוי גערופענע אידישע אידען, זעהן מיר, אז דעם גרעסטען טהייל פון זייער צייט גיבען זיי אוועק פאר זייערע מאטעריעלע אינטערעסען און פארגעניגען, און נאָר ווען עס בלייבט זיי אמאָהל א שטיקעל פרייע צייט גיבען זיי אָ טראכט, אי דאָס אויך נאָר אויף אָ קליינער ווײלע, וועגען עפּעס גייסטיגע ענינים, וועגען תורה און מצוות. עס קומט אַלזאָ אוים, אז אפילו ביי אָט א ז ו י נ ע אידען איז אויך די תורה ניט דער עיקר פון זייער לעבען, נאָר אָ טפל, עפּעס אָ מין צוטשעפּעניש, וואָס שלעפּט זיך זיי בלויז נאָך, אָבער איז ניט קיין נויטווענדיגקייט, אָן וועלכען זייער לעבען הייגנט אָפּ.

און עס איז געווים זעהר און זעהר צו באדויערען, וואָס מיר האל־טען ביי אזא צושטאַנד, אז אפילו די דאָזיגע, וואָס וואָלטען באדאַרפט זיין די אמת׳ע שומרי החומות, די געטרייע טרעגער און היטער פון אונזער טראדיציאָנעלער אידישקייט, פון תורה מיט מצוות, אויך ז י י זענען ניט מקיים דעם ״עשה תורתך קבע״, אז די תורה זאָל זיין ניט קיין צופעליגקייט, נאָר אָ באשטענדיגע באשעפטיגונג.

און אָט דעם געדאַנק געפינען מיר אין דער גמרא (בבא מציעא

פ"ח), וואו עס ווערט געבראכט דער פסוק פון ירמיה הנביא: "ויאמר ד' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם". גאָט, הייסט עס, זאָגט, אז אַלע צרות אויף ארץ ישראל זענען געקומען דערפאר וואָס זיי האָבען פארלאָזט די תורה, וואָס ער האָט זיי געגעבען. זאָגט דאָרטען איינער פון די חכמים, אז דאָס מיינט "שלא ברכו בתורה תחלה". דאָס הייסט, זייער זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס כאָטש זיי האָבען י אָ גע־לערענט תורה, איז זי אָבער ביי זיי ניט געווען קיין אַרטיקעל פון ערשטען געברויך, ניט דאָס ערשטע און דאָס חשוב'סטע. פריהער, הייסט עס, האָבען זיי באַזאָרגט זייערע מאַטעריעלע אינטערעסען, און דערנאָך ערשט האָבען זיי זיך גענומען פאַר תורה. אין דער צייט, וואָס עס האָט באַדאַרפט זיין פאַרקעהרט — פריהער תורה און נאָכהער אַלע אַנדערע אינטערעסען.

און אָט דער זעלביגער געדאנק ווערט עס אויסגעדריקט אין די געצעהלטע צוויי ווערטער "הראשון למנורה", וואָס מיר האָבען דאָ ביים אָנהויב דערמאָנט.

ווי מיר ווייסען איז מנורה און שמן דער סימבאָל פון תורה, ווי מיר געפינען אין דער גמרא (ברכות נ"ז) "הרואה שמן בחלום יצפה למאור תורה". בוימעל, הייסט עס, ווייזט אויף דער ליכט פון דער תורה. און אָט דאָס מיינען עס די חכמים מיט זייער זאָגען "הראשון למנורה", אַז די ערשטע געדאנקען, די ערשטע אויפמערקזאמקייט, די ערשטע בעסטע צייט, דאַרף אוועקגעגעבען ווערען פאַר דער תורה, וועלכע איז סימבאָליזירט אין דעם וואָרט "מנורה".

כי תשא.

זה יתנו. — הראה לו הקב"ה למשה מטבע של אש ואמר לו כזה יתנו. (רש"י.)

די תורה דערצעהלט, אז גאָט האָט געהייסען משה רבנו יע־דער איד זאָל געבען א האלבען שקל אויסלייז געלט פאַר צדקה, און דערביי האָט ער איהם געזאָגט די ווערטער "זה יתנו", אָט ד אָ ס

זאָלען זיי געבען. און רש"י פאַרטייטשט עס, אז גאָט האָט איהם דאָן געוויזען אַ מטבע פון פייער און איהם געזאָגט "אַט אזוינס זאָל יעדער פון זיינס געבען."

צדקה!—צווישען אַלע אַנדערע גוטע מדות, וואָס די הייליגע תורה לערענט אונז צו טהון, פאַרנעמט די מדה פון צדקה אַן אייגענאַרטיג אָרט. דאָס גרויסקייט פון אָט דער דאָזיגער מדה און איהר באַדייטונג איז סיי אין דעם אַלגעמיינעם און סיי אין דעם אינדיווידועלען לעבען.

די באַדייטונג פון צדקה פאַר'ן כלל איז גאַנץ קלאָהר ארויסגע־בראַכט געוואָרען נאָך דורך ישעיה הנביא, (פרק נ"ו) ווען ער האָט געזאָגט: "שמרו משפט ועשו צדקה, כי קרובה ישועתי לבוא וצדקתי להגלות". דאָס הייסט — ווען אידען וועלען טהון צדקה, וועט גאָטס הילף שנעל קומען און זיך באַווייזען צו זיי. און אויך אין דער גמרא (בבא בתרא דף י' ע"א) געפינען מיר "כל צדקה וחסד שישראל עושין בעולם הזה שלום גדול ופרקליטין גדולים בין ישראל לאביהן שבשמים". דאָס הייסט, אַז דורך דער צדקה, וואָס אידען טוהען, קומט גרוים פריי־דען און גוטע מליצים פאַר די אידען ביי גאָט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אינדיווידועלען מענשען און די באַדייטונג פון צדקה פאַר איהם, איז ניט נאָר דער נ ע מ ע ר פון דער צדקה ווערט געגעזען דורך איהר, וואָס ער איז דורך איהר מחיה זיין נפש און די נפשות פון זיינע בני בית, נאָר אויך דער ג ע ב ע ר פון דער צדקה געניסט זעהר פיעל פון זיין גוטען טהאָט.

די גמרא זאָגט אונז אויף איין אָרט (בבא בתרא דף ט' ע"ב) "הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות". ווען איינער גיט בלויז איין און איינציגע פרוטה אַן אָרימאַן ווערט ער דורך דעם געבענשט מיט גאַנ־צע זעקס ברכות. אויף א צווייטען אָרט (מדרש רבה ויקרא ל"ד) געפינען מיר: "יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני העני עושה עם בעל הבית". דאָס הייסט, אַז דער אָרימאַן טהוט דעם בעל הבית א גרעסערע טובה מיט דעם, וואָס ער נ ע מ ט ביי איהם די צדקה, ווי דער בעל הבית טהוט דעם אָרימאַן מיט דעם, וואָס ער ג י ט איהם די צדקה. פשוט דערפאַר, ווייל דער געבער ווערט באַלוינט פאַר זיין געבען כפל כפלים.

און זעהר א געלונגענע אויסטייטשונג געפינען מיר אינ'ם ספר "אמרי רצון" אויף דעם מאמר פון רש"י, וואס מיר האבן דא פריהער געבראכט, וועגן דער מטבע פון פייער, וואס גאט האט געוויזן משה רבנו. אט די דערמאנטע ווערטער פון רש"י ווערן אין דעם אנגעוויזענעם ספר אויסגעטייטשט אויף דעם זעלבן שטייגער, וואס דער מדרש (תצוה ל"ד) פארטייטש דעם פסוק "כי נר מצוה ותורה אור". נעמליך: אזוי ווי די שיין פון א ליכט ווערט ניט קלענער, ווען מען זאל אפילו טויזענטער אנדערע ליכט פון איהם אנצינדען, אזוי אויך ווערט ניט פארקלענערט דאס פארמעגען פון א מענשען, ווען ער זאל אפילו מי יודע וויפיעל אוועקגעבען פאר א מצוה, דאס הייסט — פאר צדקה. עס ווערט גאר, אדרבא, פיעל פארגרעסערט דורך דעם. ווי די חכמים טייטשען אויף אן אנדער ארט: "עשר תעשר", עשר — בשביל שתתעשר. דאס הייסט: ווען דו וועסט אוועקגעבען א טהייל פון דיין פארמעגען אויף צדקה, וועסטו דורך דעם רייך ווערען. און אט אויף דעם זעלבען שטייגער זאגט עס דער ספר "אמרי רצון", אז גאט האט געוויזען משה רבנו א מטבע פון פייער, ווייל ער האט איהם דערמיט געוואלט וועיזען, אז פונקט ווי פייער ווערט ניט קלענער דורך דעם, וואס מען צינדט פון דעם אן אפילו טויזענטער אנדערע זאכען, אזוי ווערט דער מענש חלילה ניט פאראָרימט פון דעם, וואס ער טהיילט אוים א סך צדקה.

און וויסענדיג דאס גרויסקייט פון צדקה און דעם שכר, וואס דער געבער קריגט פאר איהר, איז ניט בלויז א חוב אויף יעדען איינעם אליין צו געבען און צו צוריידען אויך אנדערע צו געבען, נאר ווען מיר זעהען, אז איינער איז הארטלייביג און האט ניט קיין חשק צו געבען, האבען מיר די פולע רעכט אנצואווענדען אפילו פארשיעדענע צוואנגס-מיטלען און איהם מיט געוואלד מאכען צו געבען. ערשטענס — ווייל "זכין לאדם שלא בפניו" האבען אונזערע חכמים געזאגט, א טובה טהון מעג מען יעדעם, אפילו ווען ער אליין פארלאנגט עס גאר ניט, צו-ליעב זיין אומוויסענקייט. צווייטענס — האבען אונזערע חכמים אונז אויך געלערענט, אז "כופין על מדת סדום, כגון היכא שזה נהנה וזה לא חסר, ומכש"כ היכא שזה נהנה וזה נהנה" דאס הייסט, אז מען

מעג צ ו ו י נ ג ע ן אפילו איינעם צו טהון א זאך, ביי וועלכער אן אנ־דערער וועט קריגען דערפון א טובה, און ער אליין וועט דערביי גאָר ניט צולעגען. און ווער שמועסט נאָך ווען ער אל י י ן קריגט אויך דערפון א טובה. און ביי צדקה האָבען מיר דאָך שוין געזעהן וואָס פאר א גרויס באלוינונג דער געבער קריגט.

און אָט דערפאר געפינען מיר טאַקע אין דער גמרא (בבא בתרא ה׳ ע״ב) ״כי הא דרבא אכפיה לרבי נתן בר אמי ושקיל מניה ארבע מאה זוזי לצדקה״. איין אמורא האָט געצוואונגען דעם צווייטען און ביי איהם מיט געוואלד ארויסגעשלעפט פיער הונדערט גילדען פאר צדקה. ווייל לויט מיר האָבען דאָ פריהער ארומגערעדט האָט רבא גע־האַט די פולע רעכט צו צווינגען זיין פריינד ער זאָל געבען צדקה, ווען ער האָט עס מיט זיין אייגענעם ווילען ניט געוואָלט טהון.

ויקהל.

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל.

די תורה דערצעהלט, אז משה רבנו האָט פארזאַמעלט אַלע אי־דען און האָט זיי געלעהרענט די דינים פון שבת.

פאַראַנען אַ מדרש, (ילקוט שמעוני פ׳ ויקהל) וועלכער זאָגט, אַז גאָט האָט געהייסען משה רבנו ער זאָל צונויפנעמען גרויסע פארזאַמ־לונגען און פאר זיי לערנען די דינים פון שבת, כדי די קומענדיגע דורות זאָלען זיך פון איהם אָפּלערנען און זאָלען זיך צונויפזאַמלען אַלע שבת אין די בתי מדרשים און לערנען תורה.

ווי מיר ווייסען איז ארבייט פאַררעכענט געוואָרען ביי אידען פאַר דעם גרעסטען טוגענט אין דער וועלט. אין (ברכות ח׳ ע״א) זאָגען אונז די חכמים: ״גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים״, אז דער מענש, וואָס מאַכט אַ לעבען פון אייגענער ארבייט, איז חשוב׳ער פון דעם גרעסטען פרומען מענשען.

און גאַנץ פאַרשטענדליך פאַרוואָס ארבייט איז אזוי פארהיי־ליגט געוואָרען ביי אונז. אַ מענש, וואָס פארנעמט זיך מיט אַ ניצליכער

אַרבייט, איז, ערשטענס, פאַרזאָרגט מיט פּרנסה פאַר זיך און זיין פאַ־מיליע, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זאַך. ווי די חכמים האָבען זיך אויסגעדריקט, אז דער וואָס איז מפרנס זיין אייגען ווייב און קינ־דער, איז ער דערמיט מקיים די מצוה פון צדקה יעדער מינוט אין טאָג. צווייטענס, איז דער אַרבייטענדער מענש אַ נוצליכער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט בכלל. און ניט נאָר דערמיט, וואָס ער באַפרייעט אנדערע זיי זאָלען ניט דאַרפען זאָרגען פאַר איהם מיט זיין פאַמיליע, נאָר אויך מיט דעם, וואָס די גאַנצע מענשליכע ציוויליזאַציע, די אַלע טעכנישע ערפינדונגען, וואָס פאַרגרינגערען אַזוי דעם מענשעס לעבען און מאַכען עס זיכערער און באַקוועהמער, האָבען געקענט צושטאַנד קומען בלויז אַ דאַנק מענשליכער אַרבייט. אָהן אַרבייט וואָלטען קיינע ערפינדונגען ניט מעגליך געווען.

דאַגעגען ווייסען מיר ווי שעדליך עס איז דאָס ליידיג ארומגעהן. שעדליך — אי פאַר דעם מענשען אַליין, פאַר דעם ליידיג־געהער, הייסט עס, ווייל ער האָט ניט קיין מעגליכקייט צו מאַכען אַ לעבען פאַר זיך און זיין פאַמיליע, און שעדליך אויך פאַר דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער וואוינט. ווייל ניט גענוג, וואָס אַזאַ מענש טראָגט גאָרנישט ניט צו, צו דעם וואוילזיין פון זיינע מיטמענשען, ברייננגט ער זיי נאָך גרויס שאָדען. ווייל ניט האָבענדיג קיין מיטלען צום לעבען, ווערט ער אָם ענדע אַ גנב, צי גאָר אַ גזלן, וועלכער שטעלט אין געפאהר דאָס לע־בען און פאַרמעגען פון אַנדערע, און די געזעלשאַפט מוז נאָך טראַגען די הוצאות פון משפּט׳ן אַזוינעם און אויך האַלטען איהם אונטער גראַטעס.

אַרבייטען אָבער , ווייסען מיר, איז ערלויבט לויט׳ן אידישען דין בלויז זעקס טאָג א וואָך. דער זיבעטער טאָג איז שבת. אַ טאָג פון רוה, וואָס קיין שום פיזישע אַרבייט טאָר ניט געטאָהן ווערען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ געוויסער טייל מענשען ווייסען וואָס שבת מיינט פאַר אַ אי־דען. זיי ווייסען, אַז דער שבת איז געגעבען געוואָרען ניט בלויז געבען אַ מעגליכקייט דעם קערפּער אָפּצורוהען זיך פון דער וואָך אַרבייט, נאָר אויך געבען אַ מעגליכקייט דעם גייסט פונ׳ם מענשען ער זאָל עפּעס וואָס קענען געניסען — וואָס אַ גאַנצע וואָך איז עס פאַר איהם

אוממעגליך. און דערפאַר נוצען זיי אוים דעם שבת׳דיגען טאָג, אַ חוץ פאַר קערפערליכער רוה, אויך פאַר גייסטיגער ארבייט, פאַר תפלה, תורה לערנען און מעשים טובים.

אָבער די תורה רעכענט זיך ניט בלויז מיט די יחידי סגולה, מיט די איינצעלנע, וואָס וויסען אַליין וואָס פאַר אַ חוב דאָס אידישקייט לעגט אויף זיי ארויף. די תורה האָט אינזינען די גרויסע מעהרהייט פון די מענשען. און אָט די דאָזיגע מעהרהייט, וויל מען לערנען, ווי אין אידישקייט צו פארברייננען דעם שבת׳דיגען טאָג, און זיי זאָלען ניט ווערען דאַן פשוט׳ע ליידיגגעהער. און צו וואָס ליידיג-געהן ברייננט — וויסען מיר דאָך. ״הבטלה מביאה לידי זמה ושעמום״, האָבען די חכמים געזאָגט (כתובות נ״ט). ליידיג ארומגעהן, הייסט עס, קען ברייננען דעם מענשען צו די ערגסטע רעזולטאַטען. אויף אזא׳ן אופן קען זיך גאָר דער שבת׳דיגער טאָג אויסווייזען פאר דעם ארבייטענדיגען מענ־שען פאר אַ קללה, חלילה, און ניט פאַר קיין ברכה, ווי ער דאַרף עס צו זיין.

און אָט צוליעב דעם האָט עס דער רבונו של עולם געהייסען משה רבנו צונויפנעמען גרויסע פאַרזאמלונגען אום שבת, אויף לערנען מיט זיי, כדי אז די קומענדיגע דורות זאָלען אויך טהון דאָס זעלבע — פאַרזאמלען דעם עולם אַלע שבת און לערנען תורה. און דאַן וועט דערגרייכט ווערען אַ צווייענדיגער ציעל. ערשטענס, וועט מען דורך דעם פאַרנעמען די צייט ביים דורכשניטליכען מענשען ער זאָל ניט האָבען ווען צו טראַכטען אפילו, און ווער שמועסט נאָך טאָהן עפּעס ניט קיין ריכטיגע זאַכען, ווי אַ ליידיג-געהער קען טאָהן. צווייטענס, וועט מען איהם דערביי געבען אַביסעל מזון רוחני, גייסטיגע שפייז, וועלכע וועט איהם קלעקען אויך פאַר די זעקס וואָכעדיגע טעג, וואָס דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע כונות פון שבת.

פקודי.

וירא משה את כל המלאכה והנה עשו אותה כאשר צוה ד'
כן עשו ויברך אותם משה.

די תורה דערצעהלט, אז ווען משה רבנו האָט געזעהן, אז דער משכן איז געמאַכט פונקט ווי גאָט האָט געהייסען, האָט ער געבענשט די אידען.

אין מדרש רבה (נשא י"ב) און אין מדרש תהלים (מזמור צ"א) ווערט געבראכט, אז משה רבנו האָט דאמאָלס געזאָגט דעם מזמור "יושב בסתר עליון", וועלכער איז לויט'ן מדרש איינער פון די עלף מזמורים אין תהלים, וואָס זענען געזאָגט געוואָרען דורך משה'ן.

אויפ'ן ערשטען קוק קען אויסקומען אַביסעל וואונדערליך, פאר־וואָס משה רבנו האָט עס אויסגעקליבען צו זאָגען דוקא אָט דעם מזמור ביים פארענדיגען דעם משכן. ווען מיר וועלען זיך אָבער עטוואָס מעהר ארייינטראכטען אין דער זאך, וועלען מיר זעהן, אז אָט דער אָנ־געוויזענער מזמור איז בפירוש צוגעפּאַסט צו דער ענדע פון דעם מלאכת המשכן, און ניט אומזיסט האָט עס משה רבנו איהם געזאָגט צו יענער צייט.

אין מדרש רבה (שמות ל"ב) ווערט געזאגט אויפ'ן פסוק "הנה אנכי שולח מלאך לפניך", אַז ווען די אידען זאָלען געווען אונטערוואר־טען אויף משה רבנו נאָך איין טאָג, ווען ער איז נאָך מתן תורה ארויפ־געגאַנגען אויפ'ן בארג סיני מקבל צו זיין די לוחות, און זיי זאָלען ניט געווען מאַכען דעם עגל, וואָלט קיין שום מענשליכע האַנט, און אפילו ניט די האַנט פונ'ם מלאך המות, געווען געקענט האָבען א וועלכע עס איז שליטה איבער זיי.

דעם זעלבען געדאנק געפינען מיר אויך אין דער גמרא (שבת קנ"א), אז קיין שום חיה קען ניט האָבען קיין שליטה איבער א מענשען סיידען ער ווייזט זיך איהר אוים אין דער געשטאַלט פון א בהמה, אָהן דעם צלם אלקים. ווייל ווען דער מענש באַזיצט באמת דעם צלם אלקים, דורך דעם וואָס ער איז זיך מתחבר אין גאָט, אין זיין תורה

און אין די מצוות, מוז ביי איהם מקוים ווערען דער צוזאָג פון גאָט "ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית השדה", אַז אַלע ווילדע חיות וועלען מורא האָבען פאר איהם. ווי די גמרא ברענגט (ברכות ל"ג ע"א), אַז רבי חנינא בן דוסא האָט גענומען א גיפטיגען שלאַנג אויף זיינע אַקסלען און איהם געבראכט אין בית המדרש אריין און געזאָגט: נאָט, זעהט, אז ניט דער שלאַנג איז א סכנה פאר'ן מענשען, נאָר זיינע זינד זענען עס.

און דערפאר ווען די אידען האָבען מקבל געווען די תורה און האָבען געזאָגט "נעשה ונשמע", מיר וועלען אלעס טהון, וואָס גאָט וועט אונז הייסען, און מיר וועלען אלעס פאָלגען, זענען זיי דורך דעם אוועקגעשטעלט געוואָרען העכער פון אַלע באַשעפענישען און די אַנדערע נאַטור-קרעפטען, און קיינער און גאַרנישט האָט איבער זיי קיין שום שליטה ניט געקענט האָבען. שפעטער אָבער, ווען זיי האָבען געזינדיגט מיט'ן עגל, איז ביי זיי אוועקגענומען געוואָרען אָט דער געטליכער כח, וואָס זיי האָבען באַקומען דורכ'ן מקבל זיין די תורה, און זיי זענען געוואָרען גלייך מיט אלע אנדערע, און די ווילדע חיות מיט אלע אנדערע נאַטור-קרעפטען האָבען צוריק באַקומען שליטה איבער זיי. און אָט דאָס דערצעהלט אונז דער פסוק נאָכ'ן מאכען דאָס עגל "ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב". דאָס ציהרונג, וואָס די אידען האָבען געהאַט פונ'ם בארג סיני, דאָס הייסט, די געטליכע קראַפט, וואָס איז זיי געגעבען געוואָרען אינ'ם זכות פון דער תורה, וואָס זיי האָבען דאָרט מקבל געווען, איז ביי זיי אוועק גענומען געוואָרען.

ווען די אידען האָבען אָבער דערנאָך געמאַכט דעם משכן, איז זיי פארגעבען געוואָרען די זינד פונ'ם עגל. ווי דער מדרש זאָגט (שמות נ"א): "יבוא זהב המשכן ויכפר על זהב העגל". דאָס הייסט, אז אין זכות פונ'ם גאָלד, וואָס די אידען וועלען ברענגען אויף צו מאַכען דעם משכן, וועט זיי גאָט מוחל זיין אויף דעם גאָלד, וואָס זיי האָבען געגעבען אויף צו מאכען דעם עגל. און דאן האָבען זיי צוריקגעקראָגען דעם געטליכען כח, וואָס זיי האָבען געהאַט פון מתן תורה, אַז אלע באַשעפענישען און די איבעריגע נאַטור-קרעפטען זאָלען קיין שליטה ניט האָבען איבער זיי.

און אַט דערפאַר, ווען משה רבנו האָט געזעהן, אז דער משכן איז שוין פארטיג און אלעס איז געטהון געוואָרען ווי גאָט האָט גע־באָטען, האָט ער געזונגען דעם מזמור "יושב בסתר עליון", אין וועל־כען עס ווערט געזאָגט "כי הוא יצילך מפח יקוש מדבר הוות", "על שחל ופתן תדרך, תרמוס כפיר ותנין". אַט דער זעלבער געדאנק, וואָס מיר האָבען דאָ פריהער דערמאָנט, אז די אידען וועלען ניט מורא האָ־בען פאר קיין שום ווילדע חיות און אנדערע נאַטור־קרעפטען, ווייל "ומוראכם וחתכם יהיה על חיות השדה", אלע וועלען מורא האָבען פאר די אידען, און ניט די אידען פאר זיי.

מנשים באהל תבורך

די קאָלאָנער הילף לײדיעס סאָסייעטי אין שיקאַגאָ

אין גראדנער גובערניע, אין סלאָנימער אויעזד, אין אַ פארוואָר־פענעם ווינקעל אַרום די שטעדטלאך זעלווא און דרעטשין, געפינט זיך אַ קאָלאָניע מיט דעם נאָמען סינייסק, פון עטליכע צעהנדליג אידישע פאַמיליעס.

פון אָנפאנג אָן פון איהר עקזיסטענץ, האָבען די אַלע איינוואוי־נער פון דער אויבען דערמאָנטער קאָלאָניע, געמאכט זעהר און זעהר אַ שווערען אָרימען לעבען פון ערד אַרבייט.

אין דער לעצטער גרויסער וועלט מלחמה איז די קאָלאָניע אין גאַנצען פארניכטעט געוואָרען, און איז אַוועק מיט'ן פייער, ווייל אין דעם געגענד איז פארגעקומען גרויסע צוזאמענשטויסען פון די קעמפ־פענדע ארמייען.

די קאָלאָניער לאַנדסלייט אין שיקאגא, ובראשם הנכבד ר' ארי' ליב מילער, וועלכע וואוינען אין שיקאגא נאָך פון בעפאָר די מלחמה־יאָהרען, האָבען אבער ניט פארגעסען אָן זייערע אָרימע געדריקטע ברידער און שוועסטער, פון דער פארוויסטער קאָלאָניע סינייסק.

זיי האָבען גלייך געגרינדעט "אַ קאָלאָנער הילף לײדיעס סאָסיי־עטי", וואָס פון צייט צו צייט, ווערט פון די מיטגליעדער פון דער סאָ־סייעטי, צוזאמענגעקליבען געלד, און עס ווערט אַוועק געשיקט אין קאָלאָניע. דורך די נאָבעלע הילף איז די קאָלאָניע ווידער אויפגעבויט געוואָרען, און די פאַמיליעס לעבען ווייטער זייער אָרימען לעבען ווי בעפאר.

זאָלען די אַלע מיטגליעדער פון דער קאָלאָנער הילף לײדיעס סאָסייעטי געבענשט ווערען פון גאָט, און עס זאָל אויף זיי מקוים ווערען די אַלע ברכות וואָס עס שטעהט אין דער תורה, אויף די יעניגע וועל־כע זיינען עושים ומעשים אין צדקה.

די מאָסקווער גרויסע שוהל.

(אַ בלעטעל געשיכטע פון דער נאָהענטער פערגאנגענהייט)

אין דער אמעריקאנער אידישער פרעסע, איז פיעל מאָהל דער־מאָנט געוואָרען וועגען דער מאָסקווער גרויסער שוהל. עס איז שוין געמאָלדען געוואָרען אַז די קאָמוניסטען האָבען פארוואנדעלט די שוהל אין זייערען אַ קלוב. נאָכהער איז עס אָפגעלייקענט געוואָרען. זעהר פיעל שוהלען אין פארשיעדענע שטעדט אין רוסלאנד האָבען די באָלשעוויקעס צוגענומען, און די פרעסע האָט וועגען זיי קיין איינצעל־הייטען נישט געשריבען.

אַלזאָ איז דאָס דער בעסטער באווייז אז די שוהל האָט פארנומען זעהר אַ וויכטיגען אָרט אין דעם אלגעמיינעם אידישען לעבען, און אין מאָסקווער אידישען לעבען בפרט. דער שרייבער פון דיזע שורות האָט פאר פיעלע יאָהרען זיך געפונען אין דער מאָסקווער גרויסער שוהל, און האָט גענומען א גרויסען אַנטייל אין דער ארבייט, אויסער הוראה און לערנען, אויך אויף'ן געביט פון איהר וואָלטעטיגקייט. ער האָט גוט געוואוסט די וועגען און ציעלען צו וואָס זי שטרעבט. אַלזאָ רעכען איך אז עס איז זעהר ווינשענסווערט שרייבען א קורצען איבערבליק וועגען דער היסטאָרישער שוהל. זאָלען די אַמעריקאנער אידען האָבען אַ באַגריעף וועגען איהר.

די יעניגע וועלכע זיינען נאָך ניט לאנג פון יוראָפּ, וואו א שוהל איז געווען פארעכענט פאר א הייליגקייט און צוזאַמען אויך א אייביג־קייט, און אזוי לאנג געשטאַנען ביז זי איז פון זיך אליין איינגעפאַלען פון אַלטקייט. די שטעט (סיטס) פלעגען איבערגעהן בירושה פון עלטערען צו קינדער און צו קינדס קינדער. אזוי געפינט מען אין די אַלטע אידישע קהלות שוהלען וואָס זיינען אַלט צו עטליכע הונדערט יאָהר, זיי האָבען אַ היסטאָרישען ווערטה, און די קהלות שטאָלצירען מיט זיי.

די שוהלען אין יענע קהלות, האָבען אין זיך פארקערפערט דעם אַלגעמיינעם אידישען לעבען, אויף אלע געביטען, ווי: רעליגיע, תורה, נאַציאָנאַליזם, קולטור און פילאַנטראָפּיע. צו די דערמאָנטע שוהלען געהערט אויך די מאָסקווער גרויסע כאָהר שוהל, וואָס אויסער איהר רייכקייט, שעהנקייט, פראַכט און גלאַנץ (וואָס זי איז געווען א בית

המקדש) האָט זי אויך אַ היסטאָרישע פארגאנגענהייט, (די יעוועסקען האָבען איהר געראָפען אין זייער פרעסע דער ספּאסאגליניציסקער קרע־פּאָסט, ווייל די שוהל איז געשטאַנען אין ספּאסאגליניציסקער גאס), און דעריבער איז דער וועהטאָג גרוים אַז אַזאַ שוהל געהט אונטער, און דער וועהטאָג איז נאָך גרעסער דערמיט, ווען מיר דערמאָנען זיך אַז די מאָסקווער שוהל, האָט ניט נאָר געגעבען לעבען און ליכט פאר די מאָסקווער קהלה אליין, נאָר אויך אין געוויסע פאַלען פאר׳ן גאנצען רוסישען יודענטהום.

ביים עפענען די שוהל אַ צווייטען מאָהל, נאָכדעם ווי אלכסנדר דער דריטער האָט איהר פאר א געוויסע צייט פארמאכט, האָט דער פאַרשטאָרבענער ראַבינער ר׳ יעקב בן ישעיה הכהן מזא״ה ז״ל, פעראָרדענט אַז מען זאָל אָנשרייבען איבער דעם אריינגאנגס טיר, דעם פסוק ״ופתחו שעריך תמיד יום ולילה לא יסגרו״, אלס א צייכען אז מ׳קען איהר ניט פארמאכען. זי מוז תמיד זיין אָפען...

איצט עטליכע ווערטער וועגען דער שוהל גופא. זי איז געבויט בערך מיט 50 יאָהר צוריק, און דער ארכיטעקטער פון איהר איז גע־ווען דער באַוואוסטער ספּעציאַליסט מר ציגעל (אַ שטרענג אָרטאָ־דאָקסישער איד פון מאָסקווא) און ער האָט איהר געבויט נאָכ׳ן רו־סישען סטיל און געשמאַק, זעהר מאָסיוו.

די ליבשאַפט וואָס די מאָסקווער אידען האָבען געהאַט צו זייער שוהל, איז ניט צו באַשרייבען, זיי פלעגען פשוט קושען איהרע ווענט. (אין איינע פון זיינע רעדעס האָט זיך ראַבינער מזא״ה ז״ל אויסגע־דריקט, אז ניט אומזיסט איז די שוהל ביי אונז טייער, ווייל יעדע ציגעל איז אויסגעקנאָטען מיט אונזער בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען אין אַלע צייטען אין רוסלאַנד.)

אין דער שוהל האָט זיך געפונען דער מאָסקווער ועד הקהלה (אויף אַזוי פיעל ווי עס איז געווען ערלויבט) אין וועלכען עס האָבען כסדר געאַרבייט איינינע סעקרעטאַרען, און די טירען און טויערען זיי־נען שטענדיג געווען אָפען פאר אַלעמען. אין דער שוהל פלעגען אויך פאָרקומען אַלע קבלות פנים׳ער פאר גרויסע חשוב׳ע געסט וועלכע פלעגען באַזוכען מאָסקווא. אין אַ גרויסען ברייטען ליכטיגען זאַאַל (אויפ׳ן נאָמען פונ׳ם פארשטאָרבענעם פּרעזידענט פון מאָסקווער שוהל אליעזר פּאָליאַקאָוו) פלעגען אויך געהאַלטען ווערען פון צייט צו צייט פאַרשיעדענע רעדעס און רעפעראַטען אויף אַלע געביטען פון חכמה און וויסענשאַפט.

אין אַ גרויסען באַזונדערען רום האָט זיך געפונען אַ ביבליאָטעק

פון ספרים און ביכער, וועלכע איז געווען פאררעכענט פאר איינע פון די גרעסטע ביבליאָטעקען אין רוסלאנד, און אין וועלכער ס'האָבען זיך אויך געפינען פארשידענע טייערע כתבי יד וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסען ווערטה פון קונסט און וויסענשאַפט. דער איידעם פונ'ם באוואוסטען גביר און נדבן ר' קלונימוס זאב וויסאצקי ז"ל, הגביר הצדיק ר' ברוך בענדעט גאווארדנסקי ז"ל, האָט אין זיין צוואה אָפּגעזאָגט זיין ריזיגע ביבליאָטעק פאר די שוהל, און ס'האָט גענומען אַ יאָהר צייט ברייגגען איהר אין אָרדנונג, פיער מענשען האָבען יעדען טאָג אַ באַשטימטע צייט אויף דעם געאַרבייט. איך פלעג זיך שטענדיג ניט קענען גענוג אָפּוואונדערען פון די טייערע ספרים-אַנטיקען וועלכע איך האָב דאָרט געזעהן. מ'פלעגט באַצוויבערט ווערען אריינגעהענדיג אהין, און באַטראַכטען אלעם וואָס אין איהר טהוט זיך. אינ'ם חדר שני פון דער שוהל (אזוי האָט זיך גערופען דער בהמד"ר וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט דער הויפּט שוהל אונטער איין דאַך און איין אריינגאַנג) האָט מען שטענדיג געדאווענט און געלערענט, ריכטיג ווי אין אַ ווילנער אָדער אַ קאָוונער שוהל. דער שרייבער פון די שורות האָט פאר פיעלע יאָהרען געלערענט דעם שיעור גמרא יעדען טאָג פאר בע"ב לומדים. ס'איז געווען אַ אמת'ער עונג רוחני צו זעהן ווי בע"ב פון גרעסטען אָדעל, זייענען איבער געגעבען צום לערנען און היטען אָפּ צו קומען יעדען טאָג. אויך האָט מען געלערענט משניות און עין יעקב.

אין דער צייט פון די הונגער יאָהרען אין רוסלאנד (מיט איינינע יאָהר צוריק) האָט די שוהל אָפּגעראַטעוועט טויזענדער מענשען פון הונגער טויט, ניט אַזוי פאר די געבוירענע מאָסקווער אידען, ווי פאר די אידען וואָס זיינען געקומען פון טיף רוסלאנד, וואו זיי האָבען זיך געפונען זינט זיי זענען אנטלאָפען ממקום מערכות המלחמה, אָדער ארויס געשיקט געוואָרען פון פוילען, ליטע, לאַטוויע, א. א. וו., וועלכע זיינען גראַדע אין דער צייט געפאָהרען אין די טויזענדער צוריק אַהיים ממקום גלותם, און דער צענטראַלער פּונקט זייערער איז געווען מאָסקוואַ, און האָבען געמוזט שטעהן אַ לענגערע צייט ביז זיי האָבען געקראָגען זייערע נויטיגע פּאַפּירען צו קאָנען פאָהרען ווייטער אין זייערע היימען.

די מאָסקווער שוהל האָט גלייך געגרינדעט א חברה "לחם לרעבים", אין וועלכער ס'האָבען זיך באַטייליגט: ר' יעקב, ר' זוסמאַן ראָזענבלאַט, ר' צבי הענדלער, ר' נתן נטע, ר' ישראל, ר' מענדיל און דער שרייבער פון דיזע שורות, און מ'האָט אָנגעשטרענגט אלע כחות צו קריגען ברויט, און נאָך איינינע נויטיגע פּראָדוקטען, וואָס איז געווען אַ סך טייערער פון גאָלד, און ס'איז געווען שווער דאָס צו

קריגען, ווייל מאָסקווע אליין האָט אויך שטערבליך געהונגערט. מיט מסירות נפש אין פולען זין פון וואָרט אָבער, האָט מען יאָ געקראָגען ברויט, און אלע טאָג פלעגט מען אלעמען בדרך כבוד געבען אַ פונט יעדערען, וואָס דאָס האָט געמיינט געראַטעוועט פון הונגער-טוידט, (געווײנטליך בעת עס איז דאָ אַלעס גוטעס, איז שווער דעם שרעקליכען צושטאַנד צו באַגרייפען און אָפּשאַצען די גרויסע און שווערע ארבייט ביי אַזעלכע באַדינגונגען).

די שוהל האָט אויך עטליכע יאָהר פארזאָרגט גאַנץ מאָסקווע מיט מצה, וואו דאָס קריגען מעהל איז געווען שווער בקריעת ים סוף.

דאָס איז נאָר איין רינגעלע פון דער גאָלדערנער קייט פון דער מאָסקווער שוהל. אויסשרייבען די פיעל זייטיגע טעטיגקייט וואָס די שוהל האָט אָנגעפיהרט אויף אלע געביטען פון צדקה פון אָנפאַנג דער מלחמה, איז זעהר שווער אלעס אויסשרייבען. איין זאַך קענען מיר זאָגען אַז אין יעדער וויכטיגער געשעהעניש וואָס עס האָט ניט געטראָפען, האָט גלייך זיך אָפּגערופען די מאָסקווער שוהל. עס איז אויך ניט איבעריג צו באַטאָנען, אַז די וויכטיגסטע און טיכטיגסטע מענער פון מאָסקווא זיינען געווען פארטראָטען אלס איהרע פאָרשטעהער.

דער וועלט באַריהמטער ראַבינער יעקב בן ישעיה הכהן מזא״ה ז״ל (וועלכער איז געוואָרען שטאַרק פאָפּולער דורך זיין העלדישען פארטיידיגען דעם מאַרטירער מענדיל ביילים, איז געווען באַליעבט סיי ביי אידען און אויך ביי קריסטען) איז געווען 30 יאָהר ראַבינער אין שוהל. ער פלעגט דאָרטען האַלטען זיינע וואונדערבאַרע רעדעס יעדען שבת מברכים און ידען יום טוב, און די שוהל איז תמיד געווען איבערפולט.

אליעזר פּאָליאַקאָוו, דער גרויסער פינאַנסיר, באַוואוסט אין גאַנץ רוסלאַנד און אויסלאַנד און געאַכטעט אין דער רעגירונג מיט דעם טיטעל פּאַטאָמסטווענני פּאָצאַטניע גראַזשדאַנין — (די גרויסקייט פון פּאָליאַקאָווען, גענוג צו דערמאָנען, ווי עס האָט מיר דערצעהלט איינער פון די אָנגעזעהענסטע מאָסקווער אידען, אַז גראַף קאָקאָווצאָוו דער פינאַנס - מיניסטער אין יענער צייט, שפּעטער פּרעמיער מיניסטער, ווען רוסלאַנד איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע און מעכטיגסטע רעגירונגען אין אייראָפּאַ איז געקומען צו פּאָליאַקאָוו׳ן צו פּאָהען נעהמען אַן אנטייל אין זיין זילבערנע חתונה)—איז געווען פאַר פיעלע יאָהרען (ביז זיין טויט) דער פּאָזיצענדער אין דער מאָסקווער שוהל, און גלייכצייטיג אין דער מאָסקווער קהלה.

ס׳איז קיין ספק אַז די מאָסקווער כאָהר-שוהל איז דער שעהנסטער קאַפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע אין מאָסקווע, און דעם דאָזיגען

בית מקדש מעט, ווילען די יעווסעקען פערוואנדלען אין זייערען א קלוב. ס'איז א הארץ רייסענדיגער געשריי וועלכער דארף אפקלינגען ווייט.

לאמיר אבער האפען אז זיי וועלען זיך סוף כל סוף ארום זעהן זייער גרויסען פארברעכען וואס זיי טהוען געגען דעם אידישען פאלק בכלל ובפרט, און זיי וועלען זיך קלאפען אין הארצען על חטא אויף זייערע גרויזאמע שווידערליכע מעשים, און מיט טרעהרען אין די אויגען וועלען זיי קומען בעטען א סליחה ומחילה און ווערען בעלי תשובה, עס איז אלעס מעגליך.

ספר

זכרון שמואל

חלק ב.

רעיונות ביהדות וביאורים להרבה
פרשיות התורה

גם יש בו מאמרים לשאלוי היום, כמו, התיסדות ועדי העיר בהערים הגדולות, שאלות הרבנים באמריקה, תנועת "ישראל הצעיר" באמריקה, כשרות, ישיבות, ועוד ועוד. חובר מאתי.

יכולים להשיגו אצלי אפ"י האדריסה:

RABBI SAMUEL M. FINE
656 Hague St. Detroit, Mich.